STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 05862

GESHIKHTE FUN YIDN IN ALTERTUM

Michael C. Astour

•

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

קלײנע ביבליאטעק № 1

מיכאל אסטור

געשיכטע פון ייִדן אין אלטערטום

פארלאג ייִדיש בוך ווארשע

1958

№ 1 Mała Biblioteka

MICHAŁ ASTUR

Dzieje Żydów w starożytności

Red. B. MARK
רעד. ב. מארק
Okładkę projektował H. GLIKSZTOK
הילע געצייכנט ה. גליקשטאָק

Wyd. „Idisz Buch" Warszawa Nowogrodzka 5

Nakład 3000 egz. Druk ukończono w październiku 1958 r. Ark. druk. 6,75. Ark. wyd. 4. Papier druk. mat. V kl. 60 gr. 70x100.

Druk. R.S.W. „Prasa", Warszawa, ul. Tarczyńska 8.
Zam. 5516 — A-84

I. אריינפיר. פאָרגעשיכטע. שופטים־תקופה.

פּעריאָדיזאַציע

די אַלטע געשיכטע פונעם יידישן פאָלק כאַראַקטעריזירט זיך מיט דער עקזיסטענץ פון אַ קאָמפּאַקטן טעריטאָריאַלן יידישן ישוב אין פּאַלעסטינע מיט אַלע אַטריבוטן פון נאַציאָנאַל־פּאָליטישן לעבן. דער איבערגאַנג פון דער דאָזיקער היסטאָרישער תקופה צו דער ווייטערדיקער — דער געשיכטע פון די יידן ווי אַ נאַציאָנאַל־רעליגיעזער מינדערהייט־גרופּע אין די לענדער פון דער צעשפּרייטונג — איז נישט פאָרגעקומען מיטאַמאָל. במשך פון אַ סך יאָרהונדערטער האָבן פּאַראַלעל מיטן יידישן ישוב אין פּאַלעסטינע עקזיסטירט יידישע מאַסן־ישובים אין די דיאַספּאָרע־לענדער. אויך דער יידישער ישוב אין פּאַלעסטינע איז נישט אומגעקומען תיכּף נאָכן פאַלן פון זיין פּאָליטישע זעלבשטענדיקייט. פונדעסטוועגן איז די דאַטע, מיט וועלכער מען פאַרענדיקט געוויינטלעך די אַלטע יידישע געשיכטע — דאָס יאָר 135 נ.ע. (סוף פון בר־כוכבא־אויפשטאַנד) — אַ גאַנץ באַקוועמער און באַרעכטיקטער היסטאָרישער גבול. די מפּלה פון דער לעצטער גרויסער יידישער מרידה מיטן ציל צוריקצוגעווינען די אומאָפּהענגיקייט האָט בלי שום ספק גורם געווען אַ בולטן איבערבראָך סיי אינעם אָביעקטיוון סאָציאַל־פּאָליטישן מצב

פון די יידן, סיי אין זייער סוביעקטיוון גזועלשאפטלעכן באַוווסטזיין. דעריבער וועלן מיר אונדזער קורצע עקספּאָזיציע פון דער אַלטער יידישער געשיכטע דערפירן ביז דער דאָזיקער דאַטע.

די אַלטע יידישע געשיכטע צעפאַלט זיך אויף דריי הויפּט־תקופות: א) פאָרגעשיכטע, וואָס נעמט אַרום, פון איין זייט, די געשיכטע פון דער פאר־ישראלישער באַפעלקערונג פון פּאַלעסטינע, די כנענים, פון דער צווייטער זייט די קאַרגע ידיעות וועגן די עברישע וואַנדער־שבטים. אויב מען זאָל אָנהייבן אָט די תקופה מיט די ערשטע דאָקומענטאַלע סימנים פון די עברישע שבטים, פּירט עס אַן ערך צום יאָר 1750 פאר נ.ע. אַן איבערגאַנג פון פאָרגעשיכטע צו אייגנטלעכער געשיכטע איז די שופטים־תקופה (אַן ערך פון 1350 ביז 1020); ב) מלכים־תקופה, ווען ס'האָט עקזיסטירט אַ זעלבשטענדיקע יידישע מלוכה אָדער צוויי מלוכות (מלכות ישראל און מלכות יהודה); די דאָזיקע תקופה האָט זיך פאַרענדיקט מיט דער פאַרניכטונג פון מלכות ישראל דורך אַשור אין 721 און פון מלכות יהודה דורך בבל אין 586; ג) תקופה פון אַנטיקן יידנטום, ווען דאָס רוב יידן האָט געלעבט אין די דיאַספּאָרע־לענדער און גלייכצייטיק האָט אין פּאַלעסטינע עקזיסטירט און זיך אַנטוויקלט אַ יידישער ישוב, וואָס האָט כמעט די גאַנצע צייט זיך געפונען אונטער אַ פרעמדער הערשאַפט אָדער אויבערהערשאַפט, און איז נאָר במשך פון קנאַפּע 80 יאָר געווען אומאָפּהענגיק. די דאָזיקע תקופה קען צעטיילט ווערן אויף פינף אָפּשניטן: יידן אין בבל (586 — 538 פ.נ.ע.), פּערסישע צייט (538 — 330), העלעניסטישע צייט (330 — 167), חשמונאישע צייט (167—63), רוימישע צייט (63 פאר נ. ע. — 135 נ. ע.).

געאָגראַפישע ראַמען

דאָס לאַנד, ווו ס'איז אויפגעקומען דאָס יידישע פאָלק און וואָס איז במשך פון דער גאַנצער אלטער יידישער געשיכטע פארבליבן זיין וויכטיקסטער קולטורעלער און פּאָליטישער צענטער, האָבן די בני=ישראל אָנגערופן מיט זיין אַלטן נאָמען כנען, און די גריכן שפּעטער — פּאַלעסטינע (דער נאָמען ארץ=ישראל איז אריין אין געברויך ערשט אין דער תלמודישער תקופה). געאָגראַפיש, פּאָליטיש און קולטורעל האָט זי געבילדעט איין גאַנצקייט מיט סיריע. דער סיריש=פּאַלעסטינישער לענדער=קאָמפּלעקס אונטערשיידט זיך שטאַרק פון זיין מזרחדיקן שכן — מעסאָפּאָטאַמיע, ווו די צוויי גרויסע וואסער=אַרטעריעס — פּרת און חידקל — האָבן געאָגראַפיש פאראייניקט דאָס לאַנד, און די נויטווענדיקייט פון א קאָמפּליצירטער באַוואַסערונג=סיסטעם האָט גורם געווען צו דער אנטשטייונג פון שטארקע צענטראַליזירטע רעגירונגען. דאָס נעמלעכע, אין נאָך א גרעסערער מאָס, איז שייך צום נילוס=טאָל, ווו ס'איז פון די עלטסטע צייטן אַנטשטאַנען די גרויסע און רייכע אימפּעריע פון מצרים (עגיפּטן) — פּאַלעסטינעס שכן אויף דרום=מערב. דער סיריש=פּאַלעסטינישער געביט איז דאקעגן שטאַרק צעגלידערט, איז צעשניטן מיט בערג און טאָלן, האָט ווייניק טייכן, אי דאָס קליינע, און ווייניק פּרוכטבאַרע פּליינען. דער צעשניטענער רעליעף פונעם לאַנד, די אָפּוועזנהייט פון א שותּפישן גראַוויטאַציע=צענטער האָט גורם געווען צו דעם, אז דאָרט איז קיינמאָל נישט אויפגעקומען קיין איינהייטלעכע מלוכה. דאָס לאַנד איז שטענדיק געווען צעברעקלט, סיידן אז אנדער מלוכה, א גרעסערע, האָט עס איינגענומען און פארוואַנדלט

אין אַ פּראָווינץ. און היות ווי דאָס לאַנד האָט זיך שטענדיק געפונען אין אַ קלעם צווישן די צוויי ריזן פונעם אַלטן מזרח — מצרים און מעסאָפּאָטאַמיע (אשור און בבל) — האָט נאָר די אָפּשוואַכונג פון אָט די גרויסמאַכטן געקענט אויף אַ קורצער צייט דערמעגלעכן אַן אומאָפּהענגיקע עקזיסטענץ פון סיריע און באַזונדערס פון פּאַלעסטינע.

אויך קולטורעל האָט זיך פּאַלעסטינע, צוזאַמען מיט סיריע, געפונען אונטער דער השפּעה פון די שטאַרקערע און רייכערע שכנים, באַזונדערס פון בבל. אמת, די סיריש-פּאַלעסטינישע באַפעלקערונג האָט אויסגעפורעמט אַן אייגנאַרטיקע קולטור — די כנענישע, וואָס אויף איר באָדן איז שפּעטער אויסגעוואַקסן די אַלט-יידישע קולטור. אָבער ביי דער פאָרשונג פון די סיריש-פּאַלעסטינישע ציוויליזאַציעס, און בתוכם פון דער אַלט-יידישער, טאָר מען זיך נישט אָפּרייסן פון דער אַלגעמיינער אַלט-מזרחדיקער קולטור-סביבה.

חוץ פון צפון-מזרח (מעסאָפּאָטאַמיע) און פון דרום-מערב (מצרים), איז סיריע-פּאַלעסטינע געווען אָפן פאַר די איינפלוסן פון צפון (קליין-אזיע); פון דאָרט זיינען געקומען איינצונעמען דאָס לאַנד די חתים, און שפּעטער זיינען מיט דעם זעלבן וועג געקומען אַנדערע דעראָבערער — די מאַקעדאָניער און די רוימער. פון מערב, פון מעבר-לים, זיינען געקומען קולטור-איינפלוסן פון די לענדער ביים עגעישן ים, און פון דאָרט זיינען אויך געקומען און איינגענומען דעם ים-ברעג די פלשתים. פון דרום און מזרח, פון די גרויסע אַראַבישע סטעפּן און מדבריות, פלעגן כסדר אַרויסטויכן קריגערישע האָרדעס בעדוינען, וואָס פלעגן זיך אַריינרייסן אינעם קולטיווירטן לאַנד און אַריבערגיין צו ערדאַרבעט,

בתוכם אויך די אבות פון די עברים און מיט אַ סך יאָרהונ־דערטער שפּעטער — די אראַבער.

איבער סיריע און פּאַלעסטינע זיינען דורכגעגאַנגען די גרעסטע און וויכטיקסטע האַנדלס־וועגן קיין מצרים, מעסאָ־פּאָטאַמיע, קליין־אַזיע, דרום־אַראַביע, צווישן דעם מיטללענ־דישן און דעם רויטן ים. די האַפּן־שטעט האָבן געפירט אַן אַקטיוון ים־האַנדל און זיינען געווען זייער רייך; די אינעווייַ־ניקסטע געביטן זיינען געווען אַ סך אָרעמער. דער דרום־טייל (פּאַלעסטינע) איז לויט די געגעבענע פון אַרכעאָלאָגישע אויסגראָבונגען שטענדיק געווען אָרעמער פון דעם צפון־טייל (סיריע).

די געאָגראַפישע לאַגע פון פּאַלעסטינע דאַרף מען תמיד נעמען אין אַכט ביים וועלן משיג זיין די היסטאָרישע גורלות פון דעם דאָזיקן לאַנד.

פאַר־ישראלישער כנען

פּאַלעסטינע געהערט צו די אַמעלטסטנס באַוווינטע לענ־דער פון נאָענטן מזרח. פאַרהיסטאָרישע קולטורן האָבן זיך אין איר געביטן במשך פון יאָרטויזנטער, אָבער מען ווייס קיין זאַך נישט וועגן דער שפּראַך און אָפּשטאַם פון אירע תושבים אין דער שטיין־צייט. ערשט וועגן די איינוווינער פון פּאַלעסטינע און סיריע אין דער בראָנדז־צייט, און באַזונדערס זינט דעם אָנהייב פון II יאָרטויזנט, ווייס מען מער ממשותדיקע זאַכן. זיי האָבן געהערט צו דער מערב־גרופּע פון דער גרויסער סעמיטישער שפּראַכן־משפּחה. די מערב־סעמיטן האָבן אויף אַ געוויסער צייט פאַרכאַפּט די

הערשאַפט אין גאַנץ מעסאָפּאָטאַמיע, אָבער זיי האָבן זיך סוף־כל־סוף אַסימילירט מיט דער אָרטיקער באַפעלקערונג; דאַקעגן סיריע און פּאַלעסטינע האָבן זיי פעסט פאַרנומען און געשאַפן דאָרט אַ ריי מלוכות און מלוכהלעך מיט אַ קאָמפּאַקטער מערב־סעמיטישער באַפעלקערונג. מען פלעגט זיי באַצייכענען מיטן כלל־נאָמען אמורים אָדער כנענים; כנען האָט לכתחילה באַצייכנט נאָר דעם ברעג־געביט (ביי די גריכן פעניקיע), און דערנאָך דאָס גאַנצע לאַנד. די כנענישע שפּראַך האָט זיך כמעט נישט אונטערגעשיידט פון דער העברעישער; אגב דאַרף באַמערקט ווערן, אַז דער טערמין „לשון עברית" באַגעגנט זיך נישט אין תנך; ישעיהו הנביא האָט אָנגערופן די שפּראַך פון זיין פאָלק „לשון כנען".

ביים הויכפּונקט פון זייער מאַכט האָבן די כנענים איינגענומען אפילו דעם צפון־טייל פון מצרים און געהערשט דאָרט אַרום 150 יאָר (אין דער היסטאָרישער טראַדיציע רופט מען אָט די כנענישע הערשער פון מצרים — היקסאָסן). אָבער אין אָנהייב XVI י"ה פ.נ.ע. האָבן די מצרים ארויסגעשטויסן זיי צוריק קיין כנען, זיינען אליין אַריבער אין קעגנאָנגריף און סוף־כל־סוף איינגענומען גאַנץ פּאַלעסטינע און סיריע. דאָס לאַנד כנען האָט דאַן פאַרמאָגט הונדערטער קלענערע און גרעסערע שטעט, אַרומגעצאַמטע מיט הויכע און פעסטע מויערן. אין פּאַלעסטינע, ווי אַ פּאַרהעלטנישמעסיק אָרעמען געביט, זיינען די שטעט געווען קליין, זייער שטח איז נישט געווען גרעסער פון 8—9 העקטאַר און זייער באַפעלקערונג איז געווען נישט קיין גרויסע. יעדע באַפעסטיקטע שטאָט איז, אַלס כלל, געווען אַ מלוכהלע פאַר זיך און האָט געהערשט איבער די נאָענטסטע דערפער. בראש פון אַזעלכע

שטעט־מלוכות זיינען געשטאנען מלכים. זייער מאכט פלעגט איבערגיין בירושה, אָבער איז נישט געווען קיין אבסאָלו־טע — זי איז געווען באַגרענעצט דורך דער מיליטערישער אַריסטאָקראַטיע, וואָס האָט פאַרמאָגט קריגס־רייטוואגנער און פערד — צו יענער צייט נאָך א נייע דערשיינונג מיט אן אָנווענדונג נאָר צו מלחמה־צוועקן. די אַריסטאָקראַטיע האָט געשאַפן דעם מלוכה־ראַט אין יעדער שטאָט, וואָס פלעגט געווייניטלעך באַשטיין פון 70 מיטגלידער; אזא ראַט פלעגט זיך אָנרופן בית־חבר. צווישן דעם מלך און דעם בית־חבר פלעגן אָמאָל אויסברעכן סכסוכים; ס'זיינען געווען פאַלן פון באַזייטיקן דעם מלך און פאַרוואַנדלען די שטאָט פון א מאָ־נאַרכיע אין א רעפּובליק. דאָס פּשוטע אַרבעטס־פאָלק איז באַשטאַנען פון פּויערים, וואָס זיינען געווען פאַרייניקט לויט זייערע דערפער, און פון בעלי־מלאכות, פאַרייניקטע אין צעכן. די דערפער און צעכן האָבן געטראָגן די קאָלעקטיווע אחריות פאַר צאָלן שטייערן אין געלט אָדער פּראָדוקטן, אויספירן עפנטלעכע אַרבעטן און דינען אין מיליטער. די פּויערים און בעלי־מלאכות זיינען געווען פערזענלעך פריי, אָבער פּאָליטיש פולשטענדיק רעכטלאָז, און האָבן געטראָגן אויף זיך די גאַנצע משא פון אויסהאַלטן דעם מלך און די אַריסטאָקראַטיע. רייכע מענטשן האָבן אויך פאַרמאָגט שקלאַפן, אָבער זייער צאָל איז נישט געווען גרויס.

די כנענים האָבן א סך געלערנט ביי זייערע מער ציוויליזירטע שכנים, אָבער זיי האָבן פאַרמאָגט אַן אָריגינעלע מיטאָלאָגיע, בלויז אין א קליינער מאָס באַאיינפלוסט פון דער בבלישער, און זיי האָבן געשאַפן א ליטעראַטור אין זייער אייגענער שפּראַך. די כנענים האָבן די ערשטע צונויפגע־שטעלט א פּשוטן און פּראַקטישן אלף־בית אנשטאט די קאָמ־

פליצירטע סיסטעמען פון די בבלים און מצרים. פון דעם כנעניש אלף־בית שטאמט אפּ דער איצטיקער יידישער אלף־בית (אייגנטלעך איז עס די שריפט פון די ארמים) און בכלל, דירעקט אָדער אומדירעקט, אַלע אַלף־בית־סיסטעמען פון דער גאָרער וועלט. אַן אַנדער אלף־בית־סיסטעם איז אַ געוויסע צייט באַנוצט געווען אין דער שטאָט אוגרית (אוגאריט) אין צפון־סיריע; מיט אָט דעם כתב זיינען פאַר־שריבן געוואָרן אין XIV י"ה פ.ג.ע. לאַנגע מיטאָלאָגישע פּאָעמעס, וואָס האָבן זייער אַ גרויסע באַדייטונג פאַר דער תנך־פאָרשונג, ווייל די ישראלישע מחברים האָבן גוט געקענט די כנענישע ליטעראַטור און ממשיך געווען די כנענישע לי־טעראַרישע טראַדיציע.

ווען די מצרישע פרעהס האָבן איינגענומען פּאַלעסטינע און סיריע, האָבן זיי נישט פאַרוואַנדלט דאָס לאַנד אין אַ דירעקטער פּראָווינץ, נאָר איבערגעלאָזט די אָרטיקע מלכים אויף זייערע טראָנען ווי מצרישע וואַסאַלן. זיי האָבן געמוזט צאָלן צינז און היטן די מלוכה־גרענעצן. דער מצרישער עול איז נישט געווען קיין צו שווערער, אָבער די כנענישע מלכים האָבן אים פאַרטראָגן מיט אומגעדולד, אָפט זיך געבונטע־וועט און פאַרנומען זיך מיט כסדרדיקע סכסוכים צווישן זיך.

עברים־נאָמאַדן

דערווייל האָבן פונעם מדבר כסדר אַרויסגעטויכט אַלץ נייע מחנות מערב־סעמיטישע נאָמאַדן, וואָס האָבן געזוכט מזל אויף די ראַנדן פון די קולטיווירטע לענדער. זיי זיינען געווען פאַרייניקט אין קלאַנען — גרופּעס, וואָס יעדע פון זיי האָט געקענט אַרויסשטעלן עטלעכע הונדערט קריגספעיקע

מאַנצבילן. אַלע קלאַן=מיטגלידער האָבן זיך גערעכנט פאַר
בלוט=קרובים צווישן זיך, וואָס שטאַמען אַלע פון איין אור=
פּאָטער (מערסטנטיילס אַ לעגענדאַרן), וועמענס נאָמען עס
טראָגט דער קלאַן. די אייניקייט פון קלאַן איז געווען אַ פּועל=
יוצא נישט פון אַדמיניסטראַטיוון צוואַנג, נאָר פונעם געפיל
פון סאָלידאַרישקייט כלפּי פּנים און כלפּי חוץ, צעמענטירט
דורכן מנהג פון בלוטיקער נקמה. מיטן קלאַן פלעגן אָנפירן
זיינע עלטסטע מיטגלידער, די זקנים; דער אויטאָריטעט
פונעם קלאַן=ראש האָט זיך געשטיצט אויף טראַדיציע און
אַלגעמיינעם הסכם. מיר באַנוצן נישט דעם תנכישן נאָמען
פון קלאַן — משפּחה, ווייל אין יידיש האָט דאָס וואָרט אַן
אַנדער באַטייט.

אינעווייניק האָט זיך אַ קלאַן געטיילט אויף גרויסע צע=
וואַקסענע משפּחות (אין תנך — בית=אב), און אויסערלעך
פלעגן זיך עטלעכע קלאַנען פאַרייניקן אין אַ שבט, וואָס
איז געווען אַ סך וויניקער סטאַביל, ווי אַ קלאַן. ווען ס'פלעגט
האַלטן ביי מלחמות אָדער ביים פאַרכאַפּן אַ טעריטאָריע,
פלעגן עטלעכע שבטים שאַפן אַ קאָנפעדעראַציע. לויטן
בעדוינישן מנהג פלעגט מען סימבאָליזירן די פאַרברידערונג
פון די שבטים אין אַ קאָנפעדעראַציע דורכן אויפשטעלן אַ
קינסטלעכע גענעאַלאָגיע, וואָס לויט איר שטאַמען די שבטים
פון לייבלעכע ברידער.

די אַלטע מערב=סעמיטישע נאָמאַדן האָבן זיך אונטער=
געשיידט פון די שפּעטערדיקע אַראַבישע בעדוינען דורך דעם,
וואָס זיי האָבן נאָך נישט פאַרמאָגט קיין קעמלען (דער
קעמל איז פאַרהיימישט געוואָרן ערשט אין XII י"ה פ.נ.ע.).
זייער טראַנספּאָרט=חיה איז געווען דער אייזל, דעריבער האָבן
זיי נישט געקענט דורכפירן קיין גרויסע איבערוואַנדערונגען

און זיינען אייגנטלעך געווען מער האלב־נאָמאַדן. זיי האָבן געהאָדעוועט גרויסע סטאַדעס שאָף, וועלכע זיי פלעגן אַריבערטרייבן פון איין פּיטערגניש אויף אַן אנדערער, אָדער זיי פלעגן זיך נישט אָפּשטעלן פאַר רויב־אָנפאַלן אויף דערפער און שטעט און פלעגן אָפט פאַרדינגען זיך צו די אָרטיקע מלכים, וואָס האָבן זיך גענויטיקט אין מיליטערישער הילף.

אַזאַ האַלב־נאָמאַדישע שטאַרקע שבטים־פעדעראַציע האָט אין XVIII י״ה פ.נ.ע. עקזיסטירט אין צפון־מעסאָפּאָטאַמיע און האָט געטראָגן דעם נאָמען בני־ימינא, וואָס איז אידענטיש מיט דעם גוט־באַקאַנטן נאָמען פון איינעם פון די שפּעטערדיקע ישראל־שבטים — בנימין. די בני־ימינא האָבן געוואַנדערט דער עיקר ארום דער אוראַלטער שטאָט חרן און זיינען מיט איר געווען נאָענט פאַרבונדן. חרן שפּילט אויך א וויכטיקע ראָל אין דער לעגענדאַרער געשיכטע פון די אבות פון ישראל, ווי זי ווערט דערציילט אין ספר בראשית. אזוי אַרום האָבן מיר דאָ די ערשטע דאָקומענטאַלע פאַרצייכענונג פון אַ ישראל־שבט. אויך אין בבל געפינט מען שפּליטערם פון די בני־ימינא־שבטים, זיי פלעגן אויך דערגיין ביז מיטל־סיריע. צוזאַמען מיט זיי האָבן געוואַנדערט נאָך אַנדערע נאָמאַדישע שבטים און קאָנפעדעראַציעס, צווישן זיי אויך די אבות פון די שפּעטערדיקע ארמים.

די בבלים פלעגן אָט די אלע ארומיקע שבטים אָנרופן מיטן נאָמען חאבירו, וואָס דאָס שטעלט מיט זיך פאָר די בבלישע פאָרם פונעם וואָרט עִברים, ד״ה „וואַנדערער“ (פון שורש עבר — פאַרבייגיין). אין די דאָקומענטן פון XVIII י״ה פ.נ.ע. רעדט זיך א סך וועגן די חאַבירו ווי וועגן רויבערישע נאָמאַדן אָדער געדונגענע זעלנער. פון מעסאָפּאָטאַמיע זיינען זיי איינגיכן כמעט פאַרשוווּנדן: א טייל איז

געוואָרן אָפּגעשטויסן (בתוכם די בני־ימינא), א טייל האָט זיך אסימילירט. די שוואכע, צעבראָקלטע סיריע האָט געגעבן בעסערע מעגלעכקייטן פאַר די עברים, און דאָרט האָט זיך טאַקע אין XIV י״ה קאָנצענטרירט זייער אָנגריף.

דעראָבערונג פון כנען

די אויבערהערשאַפט איבער סיריע האָט אין יענער צייט נאָך אַלץ געהאַט מצרים. אָבער אין XIV י״ה פ.ג.ע. איז מצרים געוואָרן זייער אָפּגעשוואַכט (דער עיקר צוליב אינע־ווייניקסטע סיבות). אין תל־אל־אמאַרנאַ, וואָס געפינט זיך אויפן אָרט פון דער דאַמאָלסטיקער הויפּטשטאָט פון מצרים, האָט מען געפונען א רייכן דיפּלאָמאַטישן אַרכיוו, וואָס וואַרפט א קלאָרע שיין אויף די געשעענישן פון יענער צייט. אין די סיריש־פּאַלעסטינישע געביטן איז דעמלט געגאַנגען א מלחמה צווישן פּראָ־מצרישע און אַנטי־מצרישע מלוכות. דער אַנטי־מצרישער לאַגער האָט זיך פאַרבונדן מיט דער שטאַרקער קליין־אַזיאַטישער מלוכה פון די חתים און גע־רופן צו הילף די בעדוינער שבטים פון די חאבירו (עברים), וואָס האָבן אין יענער צייט אויך אָנגענומען א פּראָ־חתישע אָריענטאַציע. גלייכצייטיק איז איבער גאַנץ סיריע און פּאַ־לעסטינע דורכגעגאַנגען א שטורמישע כוואַליע פון קלאַסן־קאַמף. דאָס פּראָסטע פאָלק פון א סך כנענישע מלוכות האָט זיך געשטעלט אויף דער זייט פון די אריינגעדרונגענע עברים. די עברים האָבן צו יענער צייט נישט געהאַט קיין אַפּאַראַט פון מלוכה־עקספּלואַטאַציע און האָבן אימפּאָנירט די כנע־נישע פּויערים מיט זייער בעדוינישער פרייהייט און אי־

נעוויינגיקסטער גלייכקייט. אין א ריי שטעט זיינען פאָרגע־קומען איבערקערעניש און מלכים־מאָרדן („זיי האָבן דער־הרגעט זייער מלך און זיינען געוואָרן אזוי ווי די חאבירו", „די דינער האָבן דערהרגעט זייער מלך און זיינען אריבער צו די חאבירו" — לייענט מען אָפט אין די אַמאַרנאַ־בריוו). אנדערע מלכים האָבן אונטער דער דראָונג דערהר־געט צו ווערן דורך זייערע אונטערטאַנען געמוזט איבעררייסן מיט מצרים און זיך אָנצושליסן אָן די חאבירו. אויף אזא אופן האָבן די עברים זיך פארפעסטיקט אין א ריי געביטן פון סיריע. וואָס שייך פאַלעסטינע, האָבן זיי זיך דאָרט פאר־בונדן קודם־כל מיט דער אַלטער און שטאַרקער כנענישער שטאָט שכם, וואָס איז געלעגן אין שוואַר־באַוויינטע בערג פון מיטל־טייל פון לאַנד; דאָרט האָבן זיך די עברים פעסט פאַרוואָרצלט. אויך דער דרום פון פאַלעסטינע, דער א"ג נגב, איז פארכאַפּט געוואָרן דורך אנדערע עברישע שבטים. נישט פארנומען זיינען געבליבן די טאָלן, ווייניק באַרירט איז דעמלט געבליבן דער צפון פון פאַלעסטינע (גליל). די שטאָט ירושלים איז געבליבן געטריי צו מצרים, און די עברים האָבן זי נישט גענומען.

אזוי איז פאָרגעקומען די ערשטע ארייַנדרינגונג און פאר־פעסטיקונג פון עברים אין א טייל כנען. די אַמאַרנאַ־בריוו גיבן וועגן דעם אויטענטישע ידיעות; די עברים גופא האָבן נישט פארשריבן בשעת מעשה די געשיכטע פון זייער דער־אָבערונג, און די שפּעטערדיקע ישראלישע שרייבער האָבן צוגעטראַכט וועגן דער דאָזיקער צייט פארשיידענע לעגענ־דעס. דער איבערגאַנג פון נאָמאַדישן צושטאַנד צו א באַזעצ־טענעם לעבן אין כנען איז אזוי ארום פאָרגעקומען אין דער צייט פון אַן ערך 1375 ביז 1340.

די אָנהייבן פון ישראל

אין קאַמף מיט די כנענים און מיט די מצרים האָבן זיך א ריי עברישע שבטים פון כנען פאַרייניקט, לויטן בעדווי־נישן מנהג, אין א קאָנפעדעראַציע. איר יאָדער האָבן געביל־דעט די שבטים פון מיטל־פּאַלעסטינע, וואָס האָבן געשטאַמט פון דער אַמאָליקער מעסאָפּאָטאַמישער קאָנפעדעראַציע בני־ימינא. בלויז דער דרומדיקסטער פון די מיטל־פּאַלעסטיני־שע שבטים האָט איינגעהאַלטן דעם אַלטן נאָמען בנימין, דער צווייטער האָט זיך אָנגערופן אפרים לויטן נאָמען פון דעם באַרג־לאַנד, ווו ער האָט זיך באַזעצט, און דער דריטער האָט געהייסן מכיר (שפּעטער מנשה). צו זיי זענען צוגע־שטאַנען די שבטים, וואָס האָבן זיך געפּרווט פאַרפעסטיקן אין גליל: יששכר, זבולון, אשר און נפתלי, און שפּעטער די שבטים ראובן און גלעד (דערנאָך גד), וואָס זיינען אַרי־בער קיין עבר־הירדן, און דן, וואָס האָט פריער געהאַט א געביט אין דרום־פּאַלעסטינע און שפּעטער אַריבערגעוואַנ־דערט אויפן עקסטן צפון, צו די קוואַלן פון ירדן. די קאָנפע־דעראַציע, וואָס אין איר ענדגילטיקער געשטאַלט האָט זי געציילט 10 שבטים, האָט אָנגענומען דעם נאָמען ישראל („גאָט קעמפט“). דער נאָמען ישראל ווי א פעלקערשאַפט אין כנען ווערט צום ערשטן מאָל פאַרצייכנט אין א מצרי־שער אויפשריפט פון אַרום 1225 פ.ג.ע.

אין אַנדערע ערטער זיינען אויפגעקומען אַנדערע עברישע קאָנפעדעראַציעס. אין דעם געביט צווישן פּאַלעסטינע און דעם רויטן ים איז אַנטשטאַנען אדום, אין עבר־הירדן — עמון און מואב. מחוץ דער ישראל־קאָנפעדעראַציע איז פאַר־בליבן דער שבט יהודה, וואָס איז געווען אָפּגעשניטן פון איר

דורך א גאַרטל כנענישע שטעט. ער האָט געוווינט אין די בערג צו דרום פון ירושלים און איז א סך שפּעטער פון די אַנדערע שבטים אריין אין דער געשיכטע.

די קאָנפעדעראציע ישראל האָט ממשיך געווען אין די באַדינגונגען פון לאַנדווירטשאַפטלעכן לעבן די אָרגאַניזאַציאָנעלע טראַדיציעס פון דער נאָמאַדישער צייט. די בני־ישראל האָבן זיך באַזעצט אויף דער ערד קלאַנענווייז. די שבטים, שוין אָפּגערעדט פון דער קאָנפעדעראציע, האָבן נישט געהאַט קיין שטענדיקע פאַרוואַלטונג. אן אָנפירער פון א שבט האָט געוויינטלעך געטראָגן דעם טיטל שופט (ביי די כנענים פלעגט מען אזוי רופן די ראשים פון רעפּובליקאַנישע מלוכות), אָבער זיין ראָל פלעגט זיך באַגרענעצן מיט אָנפירן דעם שבט־חייל אין פאַל פון אן ערנסטער מלחמה. א שותפות־דיקער אַרויסטריט פון עטלעכע שבטים פלעגט פאָרקומען נאָר אין זעלטענע פאַלן.

זייער פרי האָבן זיך די בני־ישראל צונויפגעגאָסן מיט דער האַרפישער כנענישער באַפעלקערונג פון די פאַרנומענע געביטן און זיינען אריבער צו ערדאַרבעט. נאָך פאַרן קומען קיין כנען האָבן די עברים־נאָמאַדן גערעדט אויף דיאַלעקטן, וואָס זיינען געווען נאָענט צו דער כנענישער שפּראַך. אויך זייער רעליגיע האָט זיך ווייניק אונטערשיידט פון דער כנענישער. נאָכן באַזעצן זיך אין כנען זיינען זיי ענדגילטיק אריבער צו דער כנענישער שפּראַך און איבערגענומען די לאַנדווירטשאַפטלעכע רעליגיעזע קולטן און ריטואַלן פון די כנענים. זיי האָבן נאָך נישט פאַרמאָגט קיין שטעט און האָבן געוווינט אין אומבאַפעסטיקטע דערפער און שטעטלעך. זיי זיינען אָבער נישט געווען קיין סאָציאַל־איינהייטלעכער מאַסע. דער קלאַנען־אַדל, וואָס האָט זיך אויסגעצייכנט שוין

אין די וואַנדער־באַדינגונגען מיט זיין גרעסערער רייכקייט, האָט זיך אין כנען אויסגעמיילט אין א בולטן אריסטאָקראַ־טישן שיכט. די שטעט זיינען פאַרבליבן אין די הענט פון דער אַלטער כנעני׳שער אריסטאָקראַטיע.

די שופטים

ווען די ערשטע 150 יאָר פון דער געשיכטע פון ישראל אין כנען האָבן זיך נישט אָפּגעהיט קיין זכרונות. דאָס לאַנד איז סוף XIV י״ה פ.ג.ע. ווידער איינגענומען געוואָרן דורך די מצרים. אָבער די עברישע שבטים זיינען שוין פעסט געזעסן אין זייערע באַרג־געביטן. נאָכן יאָר 1200 פ.ג.ע. זיי־נען די מצרים ענדגילטיק אוועק פון פאַלעסטינע. גייע גרויסע פעלקער־וואַנדערונגען אויפן ים און אויף דער יבשה האָבן אויפגעטרייסלט און אָפּגעשוואַכט די גרויסמאַכטן בבל, אשור, מצרים. ס׳האָט זיך שטאַרק פאַרקלענערט דער יבשה־האַנדל, ס׳איז געפאַלן דער ניוואָ פון מאַטעריעלן לעבן. אין כנען האָט מען פאַרגעסן די בבלישע שפּראַך. כנענישע שטעט האָבן אָנגעהויבן צו דעגראַדירן, און דאָס האָט פאַר־שטאַרקט די פּאָזיציע פון די בני־ישראל. אמת, אין דער זעל־בער צייט האָט זיך אויפן פּאַלעסטינער ים־ברעג באַזעצט א נייער געפערלעכער שונא — די פלשתים, א קריגעריש פאָלק, וואָס איז געקומען פון אינדזל קרעטע. זיי האָבן מיט־געבראַכט די טעכניק פון אייזן־אויסאַרבעטונג, וואָס איז אריינגעבראַכט געוואָרן קיין סיריע אויך דורך די חתים. אין גאַנץ סיריע און פּאַלעסטינע האָט אייזן שנעל ארויסגע־שטויסן דעם בראָנדז, וואָס איז אי טייערער, אי וויניקער

באַקוועם ווי אייזן. דאָס איז געווען א וויכטיקער שריט פּאַרויס, נישט געקוקט אויף דער אַלגעמיינער קולטור=ירידה. ס'איז אויך אויסגעפונען געוואָרן דער מעטאָד פון בויען שטיינערנע געטינקטע ציסטערנעס פאר רעגנוואסער. דאָס האָט מעגלעך געמאַכט צו פאַרגרעסערן אין גאָר א גרויסער מאָס די באַפעלקערונג פון די בערג, וואָס האָבן ביז האַן געליטן פון וואַסערלאָזיקייט.

די אויסגעוואַקסענע ישראלישע באַפעלקערונג האָט אָנגעהויבן אָפּצוהאַלטן נצחונות איבער די כנענים. א קאָאַליציע פון זעקס שבטים האָט צעקלאַפּט די כנענישע מלכים פון גליל און באַפרייט פון אונטער זייער יאָך די אָרטיקע שבטים פון ישראל. דער דאָזיקער נצחון איז פאַראייביקט געוואָרן אין א שיינעם מלחמה=ליד, וואָס ווערט אָנגערופן שירת דבורה. שפּעטער האָט דער העלדישער פירער פון א קלאַן פון שבט מנשה, גדעון, אָפּגעשטויסן און צעקלאַפּט די רויבערישע בעדוינען פונעם צפון=אַראַבישן שבט מדין. עס האָט זיך אָנגעהויבן אן עקספּאַנסיע פון די בני=ישראל אין עבר=הירדן. במשך פון 600 יאָר איז דאָרט נישט געווען קיין באַזעסן לעבן, איצט זיינען דאָרט אויפגעקומען א סך שטעט, וואָס זיינען געווען גוט באַפעסטיקט צוליב די שטענדיקע סכנות פון דער זייט פון מדבר. אויך אין מערב=פּאַלעסטינע איז ביי די בני=ישראל אויסגעוואָקסן דער אינטערעס צו דער שטאָטישער קולטור און דער כנענישער מלוכה=אָרדענונג. אבימלך, דער זון פון ירובעל (דער תנך מאַכט ירובעלן פאר אידענטיש מיט גדעונען, אָבער דאָס זיינען מסתמא צוויי פארשיידענע העלדן), האָט מיט דער הילף פון דער באַפריינדעטער כנענישער שטאָט שכם געגרינדעט א מאָנאַרכיע אין א טייל פון די הרי=אפרים און זיך געזאַלבט

פאַר אַ מלך. ווען שכם האָט זיך שפּעטער מורד געווען קעגן אים, האָט ער חרוב געמאַכט די שטאָט, אָבער באַלד נאָכדעם אומגעקומען, און די פּרוּוון פון גרינדן א מל־בות האָבן דערווייל נישט געהאַט קיין המשך. פון דער שופטים־צייט זיינען נאָך דערגאַנגען לעגענדעס וועגן שווערע קאַמפן מיט די בני־עמון אויף מזרח און מיט די פלשתים אויף מערב. ס'איז געווען די העראָישע תקופה פון דער יידי־שער געשיכטע, א צייט פון פאַרמעסטונגן, קאַמפן און העלדן־גבורה, וואָס איז באַזונגען געוואָרן אין עפּישע געזאַנ־גען, אָבער סרוב ביכער, ווו זיי זיינען געזאַמלט געוואָרן, זיי־נען אונדז באַקאַנט נאָר לויטן נאָמען.

אויפקום פון מלכות ישראל

אין XI י"ה פ.ג.ע. האָט זיך די לאַגע אויפן נאָענטן מזרח סטאַביליזירט. ס'האָט זיך צוריק אָנגעהויבן אן אינטערנאַציאָנאַלער האַנדל. לענגאויס די האַנדלסוועגן האָבן אָנגעהויבן אויפצוקומען נייע עברישע און אַראַמישע מלכותן. זיי האָבן איבערגענומען דעם כנענישן מאָנאַרכיע־צערעמאָניאַל, אָבער אין יסוד פון זייערע מלוכות איז געלעגן נישט די איינצלנע שטאָט, ווי ביי די כנענים, נאָר א ברייטערע טעריטאָריע, באַוווינט פון א פאָלק, וואָס האָט זיך אויסגעפורעמט פון א פריערדיקער שבטים־קאָנפעדעראַציע. אַזעלכע מלכותן האָבן פאַרגעשטעלט מיט זיך א סינטעז פון דער כנענישער שטאָטישער אָרדענונג מיט דער עבריש־אַראַמישער שבטים־אָרדענונג. פריער זיינען זיי אַנטשטאַנען אין סיריע און אויף דער פעריפעריע פון פאַלעסטינע (אדום, עמון און מואב). אין ישראל איז אָט די עוואָלוציע פאָרגעקומען אביסל שפּעטער. א דירעקטן שטויס צו א פאַראייניקונג האָט געגעבן די שווערע סכנה מצד די פלשתים. די שטאַרקע פלשתישע פעדעראַציע פון פינף שבטים (גת, אשדוד, עקרון, אשקלון, און עזה) האָט באַשלאָסן איינצונעמען אויך דעם באַרג־טייל פון פאַלעסטינע. די פלשתים האָבן מנצח געווען די בני־

ישראל, אַנטוואָפנט זיי און אוועקגעשטעלט איבערן לאַנד גרויסהערשער מיט גאַרניזאָנען.

ארום 1020 פ.ג.ע. האָט זיך אין ישראל באַוויזן אַן ענער־גישער קעמפער — שאול, אַן אַנגעזעענער תושב פון שטעטל גבעה אין שבט בנימין. זיינע ערשטע נצחונות האָט ער אָפּ־געהאַלטן אין עבר־הירדן, וווּ ער האָט בראש פון אַן אַפּטייל פרייוויליקע באַפרייט די שטאָט יבש פון דער עמונישער באַ־לאַגערונג. אויף צוריקוועגס האָט דער חייל פּראָקלאַמירט שאולן פאַרן מלך פון ישראל. צוזאַמען מיט זיין מוטיקן זון יהונתן האָט זיך שאול געשטעלט בראש פון דער פאָלקס־מרידה קעגן די פלשתים. נאָך שווערע קאַמפן זיינען די פלש־תים ארויסגעשטויסן געוואָרן פון די ישראלישע באַרג־געביטן. אויפן זייט פון ישראל איז אריבער דער שבט יהודה, וואָס איז ביז דאַן געווען אַן אונטערטאַן פון די פלשתים. שאול האָט מיט געוואַלד אַנגעשלאָסן אָן זיין מלוכה עטלעכע אויטאָנאָמע כנעניישע שטעט צווישן ישראל און יהודה. כדי צו פאַרטיידיקן זיינע נייע דרום־באַזיצן, האָט ער געגעבן א מפּלה דעם רויבערישן בעדווינער־שבט עמלק. כדי אויס־צוהאַלטן דעם כסדרדיקן גרענעץ־קאַמף מיט די פלשתים, האָט שאול אָנגעהויבן אויסבילדן א סטאַבילן חייל. ער האָט אָבער נאָך נישט געשאַפן קיין מלוכה־אַפּאַראַט פון שטענדיקע באַאַמטע. די אָרטיקע פאַרוואַלטונג איז געבליבן אין די הענט פון דער שבטים־אריסטאָקראַטיע. ער אליין האָט נאָך געפירט א באַשיידענעם שטייגער לעבן אין זיין היימשטאָט גבעה.

שאול האָט אָבער נישט געקענט זיך ענדגילטיק אן עצה געבן מיט די פלשתים. ווען זיי זיינען ארויס קעגן ישראל מיט אַלע זייערע כוחות, האָט ישראל פאַרשפּילט די שלאַכט

ביי די הרי גלבע. שאול און זיינע דריי עלטסטע זין זיינען געפאַלן אין שלאַכט. שאולס קריגספירער אבנר האָט גע־בראַכט די רעשטן פון חייל קיין עבר־הירדן און האָט פּראָקלאַמירט פאַרן מלך שאולס ייִנגערן זון אישבעל. ישראל האָט געמוזט אָנערקענען די אויבערהערשאַפט פון די פּלש־תים און צאָלן זיי צינדז.

דוד המלך

שאולס מפּלה האָט אויסגענוצט דער יונגער און אונטער־נעמערישער דוד פון שטעטל בית־לחם אין יהודה. אין די לעצטע יאָרן פון שאולס הערשאַפט איז ער געווען אַ פירער פון אַ גרויסער אָפּטיילונג אַוואַנטוריסטן, וואָס האָבן געפּרוּווט זיך צו שאַפן אַן אייגענעם פירשטנטום ערגעץ אין נגב. שפּעטער איז ער אַריבער אויף דער זייט פון די פּלש־תים, באַקומען פון זיי אַ שטעטל ציקלג ווי זייערער אַ וואַסאַל און אָנטיילגענומען מיט זיינע לייט אין דעם קריגסצוג קעגן שאולן. נאָך שאולס טויט האָט ער פאַרנומען די שטאָט חב־רון און געגרינדעט אַ באַזונדערן מלכות יהודה, וואָס האָט ארומגענומען סיי דעם אייגנטלעכן שבט יהודה, סיי די באַ־פריינדעטע מיט אים שבטים פון נגב. זיבן יאָר איז צווישן דוד און אישבעלן געגאַנגען אַ מלחמה. ווען אבנר און איש־בעל זיינען אומגעקומען, האָט ער זיך פּראָקלאַמירט פאַרן מלך פון גאַנץ ישראל. ער איז לייכט פטור געוואָרן פון די לעצטע פּאָרשטייער פון דער שאול־דינאַסטיע. ער האָט באַ־שלאָסן איבערצוטראָגן זיין רעזידענץ אין אַ נייער שטאָט, וואָס זאָל נישט זיין אָפּהענגיק פון די ישראל־שבטים. צו דעם

צוועק האָט ער געשיקט זיין קריגספירער יואב מיט זיין איי־
גענעם קיניגלעכן חייל איינצונעמען די אַלטע כנענישע פעס־
טונג ירושלים. ער האָט קאָנצענטרירט דאָרט זיין שטענדיקן
מיליטער, זיינע הויפּלייט און באַאַמטע און אַזוי אַרום גע־
שטאַרקט זיין פּאָזיציע לגבי דער שבטים־אַריסטאָקראַטיע.

ווען ישראל און יהודה האָבן זיך פאַראייניקט, זיינען די
פלשתים אַרויס אין קריג קעגן דודן, אָבער דוד האָט אין
א ריי שלאַכטן זיי צעקלאַפּט. נאָך אַ לאַנגער סעריע מלחמות
מיט די פלשתים, ווען ס'האָבן זיך אויסגעצייכנט אַ סך
ישראלישע גבורים, האָבן זיך די פלשתים געמוזט אונטער־
געבן. דוד האָט אפילו געשאַפן זיך פלשתישע מיליטער־אָפּ־
טיילונגען בראש מיט פלשתישע קאָמאַנדירן. פּאַרטיק
ווערנדיק מיט די פלשתים, האָט ער איינגענומען דאָס
שכנישע מלכות אדום און עס פאַרוואַנדלט אין אַ פּראָווינץ.
אדום איז געווען רייך אין קופּער־אַרץ און האָט געהאַט אַן
ארויסגאַנג צום רויטן ים (פּאָרט אילת). אַזוי אַרום איז דוד
געוואָרן דער באַלעבאָס איבערן האַנדלסוועג פון מיטללענדישן
צום רויטן ים. דער מלך פון דער וויכטיקסטער פעניקישער
שטאָט צור האָט געשלאָסן מיט דודן אַן אָפּמאַך און צוגע־
שיקט אים קוואַליפיצירטע בוי־מייסטערס צו בויען זיין פּאַ־
לאַץ. אָבער דוד האָט נאָך געפירט לאַנגע און שווערע מלח־
מות אין עבר־הירדן. ער האָט איינגענומען מואב און פאַר־
וואַנדלט אים אין זיין וואַסאַל, פאַרנומען די הויפּטשטאָט
פון עמון, רבת־עמון, צעקלאַפּט אַ קאָאַליציע פון אַרמישע
מלכים. אַלע אַרומיקע מלוכות האָבן געמוזט אים צאָלן צינדז.
דודס מלוכה איז געוואָרן אויף אַ קורצער צייט די שטאַרקס־
טע פון דער מצרישער גרענעץ ביזן טייך פרת.

אָבער דאָס פאָלק און די אַלטע שבטים־אַריסטאָקראַטיע,

וואָס איז איצט אָפּגערוקט געוואָרן אויפן הינטערשטן פּלאַן, האָט שווער שלום געמאַכט מיט דער נייער פאַרשטאַרקטער מאַכט פון דעם מלך. דודן איז אויסגעקומען צו קעמפן מיט לפּחות דריי גרויסע אויפשטאַנדן (בראש פון איינעם פון זיי איז געשטאַנען זיין אייגענער זון אבשלום), און גאָר מיט שוועריקייטן האָט ער זיי באַזיגט. די טראַדיציאָנעלע אָרדענונג איז צעקלאַפּט געוואָרן, דער מלך האָט באַקומען אין זיינע הענט גרויסע מיטלען פונעם צינדז פון זיינע וואַסאַל-מלוכות און פון מלחמה-רויב, און דאָס האָט אים דערלויבט אויפצושטעלן אַ נייעם רעגירנדיקן שיכט פון הויפלייט, קריגספירער, באַאַמטע און פאַרוואַלטער. דוד איז געשטאָרבן נאָך 40 יאָר הערשאַפט אין יאָר 972 פ.ג.ע.

שלמה המלך

דודס זון און נאָכפאָלגער שלמה האָט נאָך שווערער געמאַכט די לאַגע פון פאָלק. ער האָט דורכגעפירט גרויסע בויונגען, סיי אין ירושלים, סיי אין אַנדערע שטעט. צו דעם צוועק האָט ער מאָביליזירט זיינע אונטערטאַנען אויף צוואַנג-אַרבעט. מיט דער הילף פון פעניקישע מייסטערס האָט ער אויסגעבויט אַ פּרעכטיקן פּאַלאַץ און אַ בית-המקדש פאַרן הויפטגאָט פון ישראל און יהודה — יהוה. דערמיט האָט ער פאַרענדיקט די פאַרוואַנדלונג פון ירושלים אין אַ רעליגיעזן צענטער, וואָס עס האָט אָנגעהויבן שוין דוד. ווי דער באַזיצער פונעם פּאָרט אילת האָט ער אינאיינעם מיט די פעניקיער אָרגאַניזירט אַ האַנדלס-פלאָט. ער האָט אויך עקספּלואַטירט די קופּער-גרובן פון אדום. ער האָט אינגאַנצן אָפּגעשאַפט די

אויטאָנאָמיע פון די כנענישע שטעט, וואָס זיינען אונטער דודן אריינגענאנגען אין מלכות ישראל, און אויך פון די ישראלישע שבטים. דאָס לאַנד האָט ער צעטיילט אויף צוועלף קרייזן, זיך נישט רעכענענדיק מיט דער שבטים-טיילונג, און אוועקגעשטעלט איבער זיי זיינע פאַרטרויטע גרויס-הערשער, וואָס האָבן געזאַמלט שטייערן. היות ווי די וואַסאַלע מלוכות האָבן זיך ווידער באַפרייט פון מלכות ישראל, איז די לאַסט פון די בני-ישראל גופא געוואָרן נאָך שווערער. דעריבער איז נאָך שלמהס טויט (932 פ.נ.ע.) פאָרגעקומען אַ פאָלקס-מרי-דה. נאָר דער שבט יהודה און די שטאָט ירושלים זיינען געבליבן געטריי שלמהס זון רחבעם. די איבעריקע שבטים פון ישראל האָבן אויסגעקליבן פאַר זייער מלך אַ פאָרשטייער פון דעם שטאַרקסטן שבט, אפרים, מיטן נאָמען ירבעם.

מלכות ישראל און מלכות יהודה

די צוויי מלוכות האָבן זיך שוין מער נישט פאַראייניקט. אַ לאַנגע צייט איז צווישן זיי געגאַנגען אַ פאַרביטערטע מלחמה צוליב דער טעריטאָריע פון שבט בנימין, וואָס האָט צוגעדעקט ירושלים פון צפון. דאָס קליינע מלכות יהודה האָט מיט אַלע כוחות זיך באַמיט איינצוהאַלטן אין זיינע הענט דעם וועג צום רויטן ים און געפירט אָפטע מלחמות מיט אדום. דאָס גרעסערע און רייכערע מלכות ישראל האָט אי-בערגעלעבט זייער אָפטע מלוכה-איבערקערענישן און אוזור-פאַציעס פון טראָן, בשעת ווען אין יהודה איז דודס דינאַסטיע כסדר פאַרבליבן ביי דער מאַכט. די לאַגע פון מלכות ישראל איז געוואָרן קריטיש, ווען אין דרום-סיריע האָט זיך

פארשטארקט די ארמישע מלוכה מיטן צענטער אין דמשק. די ארמים האבן געוואלט פארכאפן ביידע האנדלסוועגן, וואס האבן געפירט דורך דער טעריטאריע פון ישראל — צו דער פעניקישער שטאט צור דורך גליל און צום רויטן ים דורך עבר־הירדן. ישראל האט געמוזט במשך פון 100 יאר אויס־האלטן אן אנגעשטרענגטן קאמף מיט ארם.

ניט געקוקט אויף דעם איז די עקאנאמישע אנטוויקלונג פון ישראל געגאנגען בארג־ארויף. עס האבן אנגעהייבן וואקסן און אנטוויקלען זיך שטעט. א סך צעשטערטע און דערגראַ־דירטע כנענישע שטעט זיינען צוריק אויפגעשטעלט געווארן און עס זיינען אויך אויסגעבויט געווארן נייע. א באזונדערס גרויסע באדייטונג האט באקומען די נייע הויפּטשטאט פון ישראל — שומרון, וואס ס'האט אויסגעבויט דער ענערגישער מלך עמרי (885—874 פ.נ.ע.). עמרי האט זיך ענג פאר־בונדן מיט צור, און די הויכע פעניקישע קונסט און טעכניק איז אלץ מער ארייננעדרונגען אין דעם ביז אצט איינפאכן לעבן פון די בני־ישראל. עמרי האט באזיגט מואב און ארויפ־געלייגט אויף אים א ציגרז. אבער מיט ארם האט ער געמוזט שליסן א ניט גינסטיקן האנדלס־אפמאך. זיין זון אחאב (874—852) האט אפגעהאלטן עטלעכע נצחונות איבער ארם, אויסגעקעמפט גינסטיקע פאר זיך באדינגונגען און פריווילע־גיעס פאר ישראלישע סוחרים. ער האט אויך שלום געמאכט מיטן מלך פון יהודה, דעם קלוגן יהושפט (870—894 פ.נ.ע.); יהודה איז געווארן א געטרייער פארבינדעטער פון דעם גרעסערן און שטארקערן ישראל. אחאב האט ווייטזעעוו־דיק פארשטאנען, וואס געפאר עס דראט אלע אומאפהענ־גיקע מלוכות פון סיריע און פאלעסטינע מצד דער וואקסנדי־קער מאכט פון אשור. ער איז פרייוויליק צוגעשטאנען צו

דער קאַאַליציע פון 12 מלוכות בראש מיט ארם — דמשק, וואָס האָט זיך אין 853 פ.ג.ע. קעגנגעשטעלט די אָנגרייפנדי־קע אשורים ביי קאַרקאַר און האָט זיי אָפּגעשטויסן. לויט די אשורישע געגעבענע איז אחאב דער ישראלי געווען דער צווייטער לויטן כוח פון זיין חייל נאָכן אָנפירער פון דער קאָאַליציע, דעם מלך פון דמשק: ער האָט געבראַכט 10.000 פוסגייער און 2.000 רייטוועגענער.

נאָך אחאבס טויט איז אָפּגעפאַלן מואב. אין אַן אויפ־שריפט, וואָס האָט זיך אָפּגעהיט ביז אונדזערע טעג, דער־ציילט משע מלך מואב וועגן זיינע נצחונות איבער ישראל. אין פאָלק איז געוואַקסן די אומצופרידנקייט מיט דער שטאַר־קער השפעה, וואָס די פעניקיער האָבן באַקומען אין לאַנד. עס האָבן זיך פאַרערגערט די באַציונגען מיט ארם. דער קריגס־פירער יהוא האָט דערהרגעט אחאבס זון יהורם און גלייכ־צייטיק אויך זיין קרוב און פאַרבינדעטן אחזיהו מלך יהודה, צוזאַמען מיט זייערע ברידער. ער האָט חרוב געמאַכט דעם פעניקישן טעמפּל אין שומרון, האָט תיכף נאָכן פאַרכאַפּן די קיניגלעכע מאַכט אָנערקענט די אויבערהערשאַפט פון אשור און געבראַכט דעם אשורישן מלך ציינדז (841). אָבער די האָפענונג, אַז אשור וועט קומען צו הילף קעגן ארם איז נישט מקוים געוואָרן. די באַנייטע מלחמה מיט ארם איז געווען זייער נישט גינסטיק פאַר ישראל. די ארמים האָבן פאַרכאַפּט גאַנץ עבר הירדן און באַדראָט שומרון. דער בונד מיט מלכות יהודה איז אויך איבערגעריסן געוואָרן. ס׳איז אפילו דערגאַנגען צו אַ קורצער מלחמה צווישן ישראל און יהודה. ערשט אונטער דעם אוראייניקל פון יהוא, **ירבעם II** (781—753), האָט ישראל מנצח געווען די ארמים און אָפּ־גענומען ביי זיי דעם עבר־הירדן. אויך יהודה האָט אונטערן

מלך עוזיהו (739—766) איבערגעלעבט אַן אויפבלי און צוריק איינגענומען אילת. דאָס איז געווען דער לעצטער גליקלעכער פעריאָד אין דער געשיכטע פון ישראל און יהודה.

רעליגיע פון אָנהייב מלכים־צייט

דאָס רעליגיעזע לעבן פון ישראל און יהודה האָט זיך אין דער תקופה פון די שופטים און פון די ערשטע מלכים ווייניק אונטערגעשיידט פון דער אַרומיקער כנעניש־סירישער רעליגיע. דער נאַציאָנאַלער גאָט פון ישראל און יהודה איז געווען יהוה, וואָס האָט אין זיך פאַראייניקט די אַטריבוטן פון דעם כנענישן געטער־ראש אל, דעם באַשאַפער פון דער וועלט, און פון דעם כנענישן גאָט פון געוויטער און מלחמה בעל אָדער הדד. אָבער ער איז נישט געווען אין יענער צייט דער איין־און־איינציקער גאָט ביי די בני־ישראל און בני־יהודה. זיי האָבן חוץ אים פאַרערט נאָך געטער פון דעם מערב־סע־מיטישן פּאַנטעאָן — די גרויסע געטין פון ליבע און פרוכט־באַרקייט עשתרת, באַקאַנט אויך אונטערן נאָמען ענת אָדער מלכת השמים, דעם יונגן שטאַרבנדיקן און ווידער אויפשטייענדיקן נאַטור־גאָט תמוז, דעם זון־גאָט שמש א״א. חוץ דעם הויפּט־טעמפּל פון מלכות־יהודה, דעם בית־המקדש אין ירושלים, און די צוויי הויפּט־טעמפּלען פון מלכות ישראל, בית־אל און דן, האָט כמעט יעדע שטאָט און יעדער ישוב פאַרמאָגט אַן אייגענעם הייליקן אָרט אויף אַ בערגל מיט אַ הייליקן בוים (אַזעלכע הייליקטימער פלעגט מען רופן במות). דאָרט פלעגט מען ברענגען קרבנות און פייערלעך אָפּריכטן די ימים־טובים. עס זיינען אויך געווען אַ סך געטער־בילדער

פון פאַרשידענער גרויס אין מענטשלעכער אָדער חיהשער געשטאַלט. קיין געשריבענער רעליגיעזער געזעץ האָט נישט עקזיסטירט. מיטן קולט האָבן אָנגעפירט כהנים, וואָס פלעגן פרעגן גאָטס ווילן מיט דער הילף פון ספּעציעלע טרעף־מכשירים.

יעדן ראש־חודש פלעגט פאָרקומען אַ רעליגיעזע יום־טוב־סעודה פון אַלע מיטגלידער פון קלאַן אָדער ישוב. עס איז אויך געווען באַקאַנט דער שבת, אָבער ער איז געווען אָפּהענגיק פון די לבנה־פאַזעס און פלעגט זיך נישט איבער־חזרן רעגלמעסיק אַלע זיבן טעג. עס זיינען געווען דריי יער־לעכע ימים־טובים — אַלע דריי פון ריין לאַנדווירטשאַפטלעכן כאַראַקטער: פרילינג — דער חג המצות אָדער דער יום־טוב פון אָנהייבן דעם שניט פון גערשטן; אָנהייב זומער — דער חג הקציר אָדער יום־טוב פון פאַרענדיקן דעם שניט פון ווייץ; און האַרבסט — דער חג האסיף אָדער דער יום־טוב פון פאַרענדיקן דאָס אַראָפּנעמען ווייַנטרויבן. אָט דער לעצ־טער יום־טוב, וואָס האָט אויך געהייסן חג הסוכות (לויט די ביידלעך, אין וועלכע מען פלעגט וווינען בעת דער אַרבעט אין די וויינגערטנער), איז געווען אין יענער צייט דער גרעס־טער און דער פרייילעכסטער פון אַלע ימים־טובים; מען האָט אים געפייערט מיט געזאַנג, טענץ, טרינקען ווייַן און אָרגיעס. בכלל זיינען אַלע ימים־טובים געווען זייער לעבנסלוסטיק, דאָס זיינען געווען סעודות, וווּ גאָט אַליין האָט מכבד געווען זיינע פאַרערער און זיך געפרייט מיט זיי אינאיינעם. די רעלי־גיע איז געווען ערדיש, זי האָט נישט פאַרמאָגט קיין עולם־הבא־כאַראַקטער. וועגן לעבן נאָכן טויט האָט מען נישט געוווּסט. גאָט פלעגט בענטשן זיין פאָלק מיט שפע אויפן עולם־הזה און מיט נצחונות איבער פרעמדע פעלקער.

געזעלשאַפטלעכע פאַרהעלטענישן

די קיניגלעכע מאַכט אין ישראל און יהודה (און בכלל אין די סירישע מלוכות) איז נישט געווען אַזוי דעספּאָטיש, ווי אין מצרים אָדער אשור. זי האָט זיך אָפּגעשוואַכט נאָך שלמה המלכם צייטן. א גרויסן איינפלוס האָבן באַקומען די שרים (פירשטן) פון די באַזונדערע פּראָווינצן. די גרעסערע שטעט האָבן געהאַט אַן אויטאָנאָמיע פון כנעניש טיפּ, מיט אַריסטאָקראַטישע שטאַטראַטן אין דער שפּיץ. דער מלך האָט נישט געהאַט דאָס רעכט צו באַשטראָפן מיטן אייגענעם ווילן א שטאָט־בירגער, ער האָט געמוזט געמשפּט ווערן דורך די עלטסטע פון דער שטאָט. אָבער דער וווּקס פון דער מאַטעריעלער קולטור פון ישראל און יהודה, דער אויפבלי פון שטעט, די אַנטוויקלונג פון האַנדל איז נישט געגאַנגען אָן פאַר מיטן מצב פון די ברייטע פאָלקס־שיכטן. די פריער ווייניק דיפערענצירטע געזעלשאַפט האָט זיך אַלץ מער פאַנאַנדערגעשיכט, דער תהום צווישן אָרעם און רייך איז געוואָרן אַלץ טיפער. אין דער צייט, וואָס דער מלך, די הויכע מלוכה־מענער, די העכערע מיליטער־שיכטן, די גרויסע סוחרים האָבן געפירט א לעבן, פול מיט לוקסוס, האָבן זיך אויף די אַקסלען פון פאָלק שווער געלייגט די אומענדלעכע מלחמות, פאַרוויסטונגען, שטייערן, נאַטור־ליפערונגען, עפנטלעכע אַרבעטן. א סך פריער זעלבשטענדיקע פּויערים זיינען אַריין אין חובות, האָבן געמוזט אָפּגעבן זייערע נחלות, און אויב דאָס האָט נישט געדעקט דעם חוב, פלעגן זיי און זייערע משפחות ווערן דעם קרעדיטאָרס שקלאַפן. גרויסע ערד־שטחים האָבן זיך קאָנצענטרירט אין די הענט פון רייכע לייט. עס איז נאָך אַלץ פאַרבליבן א באַדייטנדיקער שיכט מיטל־פּויערים, אָבער

ס'איז שטאַרק אויסגעוואַקסן די צאָל ערדלאָזע לאַנדוירט־שאַפטלעכע אַרבעטער, וואָס פלעגן אומברחמנותדיק עקס־פּלואַטירט ווערן.

די אַלטע בלוט־פאַרבאַנדן — קלאַנגען און שבטים — זיי־נען אַלץ מער צעפאַלן געוואָרן. ס'איז אַנטשטאַנען א קלאַסן־געזעלשאַפט, אין וועלכער באַזונדערע שיכטן האָבן געהאַט קעגנזעצלעכע אינטערעסן.

די אשורישע סכנה

צום אינעווייניקסטן קריזיס איז באַלד צוגעקומען נאָך אַ שרעקלעכערער אויסנווייניקסטער. די אשורישע מלוכה, וואָס האָט אין IX י"ה פ.ג.ע. אויף אַן אומגעשטלער־אכזריותדיקן אופן באַהערשט און חרוב געמאַכט די אַראַמישע מלוכות פון מעסאָפּאָטאַמיע, האָט זיך אַן עצה געגעבן אויף אַנדערע פראָנטן און קאָנצענטרירט אַלע אירע כוחות אויף סיריע. עס האָט זיך געענדיקט די קורצע הפסקה, ווען די קליינע מלוכות פון סיריע און פאַלעסטינע האָבן געקענט זיין אומאָפּהענגיק און אין קאַמפן פון גלייכע מיט גלייכע לייזן זייערע סכסוכים. די געשיכטע פון אַלטן מזרח האָט ביז דעמאָלט נישט געקענט אַזאַ שרעקלעכן דראַבערער, ווי די אשורישע מיליטערישע מאַשין. צעשטערונגען פון שטעט, מאַסן־הריגות, פאַרטרייבונגען פון באַזיגטע פעלקער, רויבער־דיקע שטייערן, ליקווידירונג פון אַלע סימנים פון זעלבשטענ־דיקן לעבן, פאַרוואַנדלונג פון מלוכות אין ניוועלירטע פּראָווינצן — אַזעלכע פּאָלגן האָט געהאַט די אשורישע אָפּענסיווע אויפן מערב. דער נאָענטער מזרח איז איינמאָל

פאַר אַלעמאָל פאַרוואַנדלט געוואָרן אין א צענטראַליזירטער
דעספאָטישער אימפעריע. דאָס האָט אויף א ברוטאַלן אופן
אָפּגעשטעלט די נאַטירלעכע אַנטוויקלונג פון די מערב=סע=
מיטישע פעלקער.

די צעשטערונג פון די יסודות פון טראַדיציאָנעלן פאָלקס=
לעבן האָט ארויסגערופן א קריזים אויך אויפן געביט פון
רעליגיע. ישראל און יהודה זיינען געלעגן ווייטער פון אשור,
איידער די סירישע מלוכות, זיי האָבן שפּעטער פאַרלאָרן
זייער פרייהייט און לענגער איבערגעלעבט די פיינלעכע
גסיסה. דעריבער איז דער רעליגיעזער קריזים געווען דאָרט
באַזונדערס טיף און האָט געבראַכט צו אַ ווייטגייענדיקער
רעליגיעזער רעפאָרם.

די נביאישע באַוועגונג

בײדע פאַקטאָרן — דער אויסווייניקסטער און דער אי=
נעווייניקסטער — האָבן אַרויסגערופן אַ פולשטענדיק נייע
גייסטיק=געזעלשאַפטלעכע באוועגונג פון א טיפקייט און כוח,
וואָס האָבן זיך ביז איצט אין ערגעץ נישט באַגעגנט. דאָס
איז געווען די נביאישע באַוועגונג, וואָס צו איר האָבן גע=
הערט מוטיקע דענקער און רעדנער, פול מיט מיטגעפיל צו
די באַעוולטע און אונטערדריקטע און אַן אַבסאָלוטן גלויבן
אין געטלעכן יושר. אין תנך האָבן זיך אָפּגעהיט כתובים פון
פיר נביאים פון VIII י״ה: עמוס, הושע, ישעיהו און
מיכה. די נביאים האָבן זיך קעגנגעשטעלט די טראַדיציאָנע=
לע פאָרמען פון קולט, וואָס זיינען געווען באַגרעשנט געוואָרן ביי די
בנענים. זיי האָבן געזאָגט, אַז יהוה פאָדערט נישט קיין

קרבנות, נאָר אמת, יושר, רחמנות צו די אומגליקלעכע. באַזונדערס שטאַרק האָבן זיי אָנגעגריפן דעם באַרבאַרישן מנהג פון מענטשלעכע קרבנות און די אָרגיאַסטישע אויסגעלאַסנקייט, וואָס פלעגט הערשן אויף די יום־טובדיקע פייערלעכקייטן. מיט אויסערגעוויינלעכן כוח האָבן זיי געשטעמפלט די אונטערדריקער פון פאָלק. דער עלטסטער פון די אונדז באַקאַנטע „שריפטלעכע נביאים", עמוס, וואָס איז ארויסגעטראָטן ארום 770 יאָר פ.ג.ע., האָט געמאָלדן, אַז יהוה וועט נישט מוחל זיין ישראל דערפאַר, וואָס האָרט „פאַרקויפט מען א גערעכטן פאַר געלט, און אן אביון פאַר א פאָר שיך"; ער באַשרייבט דעם לוקסוס פון די רייכע און זייער געווויסנלאָזע עקספּלואַטאַציע פון די אָרעמע. ישעיהו האָט אויסגערופן: „ווי צו די, וואָס גיבן צו א הויז צו א הויז, רוקן צו א פעלד צו א פעלד, אזוי אַז פאַר אַנדערע בלייבט נישט קיין אָרט"; מיכה דערציילט וועגן די, וואָס „האָבן פיינט גוטס און האָבן ליב שלעכטס, רייסן אראָפּ פונעם פאָלק זיין הויט און דאָס פלייש פון זיינע ביינער". די כתובים פון די נביאים זיינען קודם־כל איין גרויסער פּראָטעסט קעגן דער סאָציאלער אומגערעכטיקייט.

אין דעם שרעקלעכן פאַרויסמאַרש פון אשור האָבן די נביאים געזען גאָטס האַנט. פון א נאַציאָנאַלן גאָט פון איין פאָלק איז יהוה אויסגעוואַקסן אין זייערע אויגן אין אן אוניווערסאַלן האר פון דער גאַנצער וועלט. פונקט ווי אשור האָט צום ערשטן מאָל באַוויזן דעם ביישפּיל פון אַן איינהייטלעכער וועלט־אימפּעריע, אזוי איז אויך יהוה געוואָרן דער איינציקער וועלט־גאָט. אָבער גלייכצייטיק איז ישראל פאַרבליבן, לויט דער השקפה פון די נביאים, יהוהס אויסדערוויילט פאָלק, מיט וועלכן ער האָט געשלאָסן א בונד.

היות ווי די בני־ישראל (איינגערעכנט די בני־יהודה) האָבן מיט זייער סאָציאַלער אומגערעכטיקייט עובר געווען אויפן בונד, וועט יהוה אומבאַרחמנותדיק באַשטראָפן דאָס פאָלק דורך גאַטירלעכע קאַטאַסטראָפעס, אָבער דער עיקר — מיט דער האַנט פון אשור, וואָס וועט איינגעמען און פאַרוויסטן דאָס לאַנד און אַרויסטרייבן אין גלות דעם רוב פון זיינע איינוווינער. ס׳וועט איבערבלייבן בלויז אַ קליין רעשטל, אָבער אויב אַט דאָס רעשטל וועט תשובה טאָן און זיך אומקערן צו יהוה, וועט ער אים געבן אַ גליקלעכן לעבן אין שלום און יושר, וואָס ישעיהו האָט באַשריבן אין רירנדיקע סימבאָלישע בילדער. די נביאים האָבן אָנגעהייבן אַ טעטיקן קאַמף פאַר זייערע אידעען און פלעגן צוליב דעם אָפט פאַרפאָלגט ווערן דורך די מלכים, פירשטן און כהנים, וואָס האָבן געזען אין זיי אַנטי־מלוכהשע פּראָפּאַגאַנדיסטן און פאַרשפּרייטער פון מפּלה־שטימונגען.

דער קאַמף מיט אשור

אין דער צווייטער העלפט פון VIII י״ה פ.ג.ע. האָט זיך די אַשורישע סכנה דירעקט דערנענטערט צו די גרענעצן פון ישראל. דער מלך מנחם האָט אין 742 פ.ג.ע. געמוזט באַצאָלן דעם אַשורישן מלך אַ ריזיקע קאָנטריבוציע פון 3000 ככר (טאַלאַנטן) זילבער. (כמעט 8 טאָן). די מלכים און די אַריסטאָקראַטיע האָבן געפּרוווט זוכן הילף ביי מצרים, אָבער ער האָט זיי נישט געקענט העלפן. אין פאַרצווייפלונג האָבן ישראל און דמשק פאַרגעסן זייער אַלטע שנאה און געשאַפן אַ קאָאַליציע קעגן אַשור, געפּרוווט צו איר צוציען די איבע־ריקע נאָך נישט איינגענומענע מלוכות, און קודם־כל יהודה.

אָבער אחז, דער מלך פון יהודה, האָט זיך אָפּגעזאָגט צוצו־שטיין צו דער קאָאַליציע. די אַראַמייער פון אַרם און ישראל האָבן צוזאַמענגענומען ביי יהודה דעם וויכטיקן פּאָרט אילת און האָבן באַלאַגערט ירושלים. אחז האָט אָנערקענט די אויבער־הערשאַפט פון אשור און גערופן אים צו הילף. אין יאָר 734 פ.ג.ע. האָבן די אַשורים איינגענומען דמשק, צוגענומען ביי ישראל עבר־הירדן און גליל און פאַרוואַנדלט זיי אין אַשו־רישע פּראָווינצן; דערביי זיינען אַ סך מענטשן פאַרטריבן געוואָרן קיין אשור. שומרון מיט די הרי־אפרים איז נאָך פאַרבליבן נישט אָקופּירט; אָבער אָט דאָס רעשטל פון מל־כות ישראל האָט אינגיכן אָנגעהויבן אַ מרידה קעגן אשור. נאָך אַ דריי־יאָריקער העלדישער פאַרטיידיקונג איז שומרון איינגענומען געוואָרן אין יאָר 721 פ.ג.ע.; עטלעכע צענדליקער טויזנטער בני־ישראל זיינען פאַרטריבן און באַזעצט געוואָרן אין צפון־מעסאָפּאָטאַמיע און אין מערב־איראַן. ס'איז נישט באַוווּסט, וואָס איז מיט זיי געוואָרן שפּעטער; צי זיי האָבן זיך איינגאַנצן אַסימילירט מיט דער אָרטיקער באַפעלקע־רונג, צי זיי האָבן אין 150 יאָר אַרום זיך אָנגעשלאָסן אָן זייערע ברידער פון יהודה, וואָס זיינען אויך פאַרטריבן געוואָרן אין דעם שכנותדיקן בבל.

יהודה האָט זיך געראַטעוועט אַדאַנק דעם מלך אחזס הכנעה לגבי אשור. אָבער זיין זון חזקיהו (715 — 686 פ.ג.ע.) האָט געפּרוווּט אַראָפּוואַרפן דעם אונטערטעניגלעכן אַשורישן יאָך. ער האָט געזוכט הילף ביי די עטיאָפּישע פּרעהס (כושים) פון מצרים און אפילו זיך פאַרבונדן מיט די מורדים קעגן אשור אין דעם ווייטן בבל. אין יאָר 701 פ.ג.ע. האָט סנחריב, דער מלך פון אשור, פאַרנומען אַלע שטעט פון יהודה מיטן אויסנאַם פון ירושלים. ער האָט געפאָדערט אַז

אומבאַדינגטע קאַפּיטולאַציע. אָבער א מגפה, וואָס איז אויסגעבראָכן אינעם אַשורישן חיל, האָט אים געצוווּנגען אראָפּצונעמען די באַלאַגערונג פון ירושלים און זיך באַגנוגענען מיט א ריזיקער קאָנטריבוציע און א פארזיכערונג אין געטריישאַפט צו אַשור. אזוי ארום איז יהודה ניצול געוואָרן און האָט אָפּגעהיט זיין עקזיסטענץ ווי א קליינע, פולשטענדיק אונטערגעוואָרפענע וואַסאַל־מלוכה פון אַשור. דאָס האָט אָבער זייער געהויבן דעם רעליגיעזן פרעסטיזש פון ירושלים.

די ערשטע לעגענדעס־זאַמלונגען

אין VIII און VII י״ה פ.ג.ע. זיינען אַנטשטאַנען די ערשטע צוויי לעגענדאַרע דערציילונגען וועגן די אַלטע אבות פון ישראל און יהודה. נאָך דער אָפּשאַפונג פון מלכות ישראל האָט מען אין יהודה אָנגעהויבן קוקן אויף מלכות יהודה ווי אויפן געזעצלעכן יורש פון גאַנץ ישראל. מען האָט צונויפגעזאַמלט אַלטע טראַדיציעס פון די באַרימטסטע הייליקטימער פון לאַנד — שכם, בית־אל, פנואל א״א אין ישראל, חברון און באר־שבע אין יהודה — און באַאַרבעט זיי אין גייסט פון די נביאישע רעליגיעזע השקפות. דער פרידלעכער, אידילישער כאַראַקטער פון די אבות־דערציילונגען איז געווען א רעאַקציע אויף דער בלוטיקער, אומרויקער צייט פון זייער צונויפשטעלונג. די אידעאַליזאַציע פון דעם פשוטן פאַסטעכער־לעבן פון די אָבות האָט געשטימט מיט דעם נביאישן ווידערווילן צום שטאָטישן מלוכה־לעבן. אויך די בהדרגהדיקע באַאַרבעטונג און באַפּוצונג פון דער לעגענדע וועגן יציאת־מצרים האָט אָפּגעשפּיגלט די שטימונגען פון די נביאים, וואָס האָבן זיך כסדר קעגנגעשטעלט דער פּאָליטיק

פון שטיצן זיך אויף מצרים קעגן אשור. אין VII י״ה פ.ג.ע. איז שוין אין מצרים אַנטשטאַנען א היפשער ישוב פון עמי־גהאנטן פון יהודה, אין גרעסטן טייל — געדונגענע זעלנער ביי די מצרישע פּרעהס. מיט דער אַקצענטירונג פון די אומ־גליקן, וואָס די בני־ישראל זאָלן האָבן אַמאָל איבערגעלעבט אין מצרים, האָט מען אויסגעדריקט די קעגנערשאַפט צו עמיגראַציע קיין מצרים. אין דער אמתן איז די לעגענדע וועגן עבדות־מצרים נישט קיין היסטאָרישע; אויב זי האָט אין זיך א רעאַלן יאָדער, איז עס דער אָנדענק, וואָס די כנע־נים האָבן איינגעהאַלטן וועגן דער תקופה פון זייער הער־שאַפט אין מצרים און וואָס זייערע נאָכפאָלגער, די בני־ישראל, האָבן ביי זיי איבערגענומען ביים צונויפמישן זיך מיט זיי. ווי א הקדמה צו דער אבות־געשיכטע האָט געדינט די דערציילונג וועגן דער באַשאַפונג פון די ערשטע מענטשן און וועגן דעם וועלט־מבול, וואָס ווייזט ארוים זייער א גרויסע ענלעכקייט צו די אלטע בבלישע פאָעמעס. די לעגענדעס וועגן די אבות און יציאת מצרים זיינען דערגאַנגען אין צוויי פּאַ־ראַלעלע ווערסיעס, וואָס גייען זיך שטאַרק פונאַנדער אין סטיל און אין סיפור־המעשה. מען באַצייכנט זיי אין דער תנך־וויסנשאַפט מיט די אָפּגערעדטע באַצייכענונגען יהויסט און אלהיסט.

די רעפאָרם פון מלך יאשיהו

חזקיהוס יורש מנשה (686 — 640 פ.ג.ע.) איז געווען א געטרייער וואַסאַל פון אַשור און א שאַרפער קעגנער פון דער נביאישער באַוועגונג. אָבער אין דער צייט פון זיין איי־ניקל יאשיהו (637—608 פ.ג.ע.) איז אשור געוואָרן אָפּגע־

שוואַכט און האָט געמוזט זיך פאַרטיידיקן פון שטאַרקע און געפערלעכע שונאים. די אַשורים האָבן צוריקגעצויגן זייער מיליטער פון פאַלעסטינע, כדי צו ראַטעווען די מעטראָפּאָליע. אויף א קורצער צייט איז יהודה געוואָרן פריי און האָט אפילו פאַרברייטערט זיינע גרענעצן אויף די אַמאָליקע געביטן פון צענטראַל־ישראל. עס איז ווידער אַנטשטאַנען אַ נביאישע באַוועגונג מיט אַזעלכע פאָרשטייער ווי צפניהו און קודם־כל ירמיהו. זייער פּראָפּאַגאַנדע פאר סאָציאלער גערעכטיקייט און א קולט, וואָס זאָל זיין אָפּגעלייטערט פון געצנדינערישע עלעמענטן, האָבן באַשלאָסן אויסצונוצן די כהנים פון ירושלימער בית־המקדש. זיי זיינען געווען פאַראינטערעסירט אין אָפּשאַפן און פאַרמאַכן אלע אָרטיקע הייליקע ערטער (די במות) און קאָנצענטרירן דעם גאַנצן קולט נאָר אין זייער בית־המקדש. ס'איז צונויפגעשטעלט געוואָרן א געזעץ־בוך, וואָס האָט אין זיך פאַראייניקט די פאָדערונגען פון די נביאים און פון די כהנים. פון איין זייט איז אין אים אריין דער סאָציאלער פּראָגראַם פון די נביאים: זייער זאָרג וועגן די שקלאַפן, אָרעמעלייט, בעלי־חוב, אלמנות און יתומים, און אויך זייער פּרינציפּ פון שטרענגן עטישן מאָנאָטעיזם. דאָס איז געוואָרן פאָרמולירט סיי אין די באַרימטע צען געבאָט, סיי אין א גאַנצער ריי תקנות פון טיף־הומאַניטאַרן און אָפט סאָציאַל־אוטאָפּיסטישן כאַראַקטער. פון דער צווייטער זייט איז אינעם געזעץ־בוך שטאַרק דערהויבן געוואָרן דער אויטאָריטעט פון די כהנים אויף אלע געביטן פון לעבן און עס זיינען געמאַכט געוואָרן אומדערייסטע פּרוּוון צו באַגרענעצן אין אייניקע פּרטים די מאַכט פונעם מלך. דער קולט מיט זיינע קרבנות און אנדערע צערעמאָניאַלן איז פאַרבליבן, אָבער מען האָט אים געמעגט אָפּריכטן נאָר אין איין־איינ־

ציקן אָרט — אין ירושלים. דאָס בוך איז פאַרפאַסט געוואָרן אין דער פאָרם פון אַ צוואה פון דעם לעגענדאַרן אוראַלטן חכם, נביא, היילער און שופט משה, וואָס איז אין יענער צייט געהאַלטן געוואָרן פאַרן אורפאָטער און גרינדער פונעם כהנימטום. דאָס בוך איז שפּעטער אריין (אין אַן איבערגע־אַרבעטער געשטאַלט) אין חומש ווי זיין פינפטער ספר — דברים.

אין יאָר 621 פ.ג.ע. האָט דער הויפּט־כהן פון ירושלים, חלקיהו, איבערגעשיקט דעם ספר צום מלך יאשיהו ווי אַ כלומרשט געפונענעם אין בית־המקדש. ער האָט געמאַכט אַ גרויסן רושם אויפן מלך, וועלכער איז תיכף צוגעטראָטן צו זיין דורכפירונג אין לעבן. עס זענען פאַרמאַכט געוואָרן אַלע אָרטיקע הייליקטימער; דער אַלטער קאָנקורענט פון ירושלימער בית־המקדש, דער טעמפּל אין בית־אל, איז צעשטערט געוואָרן. צום ערשטן מאָל האָט מען געפייערט דעם חג המצות פאַריי־ניקט מיטן חג הפסח, וואָס איז ביז דאַן געווען אַ ספּעציפישער פאַסטעכער־יום־טוב און איז נישט געווען אָנגענומען אין די לאַנדווירטשאַפטלעכע ראָיאָנען. יהודה האָט באַקומען צום ערשטן מאָל אַ רעליגיעזע קאָנסטיטוציע און דער עטישער מאָנאָטעיזם מיט זיין בילדלאָזן קולט איז געוואָרן זיין אָפיציעלע רעליגיע. אזוי ארום באַטייט דאָס יאָר 621 אַן איבערברוך אין דער רעליגיעזער געשיכטע פון די יידן.

די גסיסה פון מלכות יהודה

די פרייהייט פונעם פאַרברייטערטן מלכות יהודה האָט געדויערט נישט לאַנג. אין 608 פ.ג.ע. איז דער מלך יאשיהו

געפאַלן אין שלאַכט מיטן מצרישן פּרעה נכו, וואָס איז גע־
גאַנגען האַטעווען די רעשטלעך פון אשור פון דעם אָנגריף
פון פאַרייניקטע בבל און מדי. יהודה איז געוואָרן אַ וואַסאַל
פון מצרים, וועלכער האָט נאָמינירט יאשיהוס זון יהויקים
(607 — 597) פאַרן מלך. דער נייער מלך איז ארויסגע־
טראָטן קעגן דער רעפאָרם פון זיין פאָטער און האָט גערודפט
ירמיהו און אַנדערע נביאים. אָבער אשור איז סוף־כל־סוף
באַזיגט געוואָרן, די מצרים האָבן זיך צוריקגעצויגן, און אויפן
אָרט פון די אשורים זיינען קיין פּאַלעסטינע געקומען די חיי־
לות פון נבוכדנצר מלך בבל (601 פ.ג.ע.). יהויקים
האָט געמוזט אָנערקענען די אויבערהערשאַפט פון בבל, אָבער
האָט איינצייטיק געגרייט א מרידה מיט דער הילף פון
מצרים. ער איז געשטאָרבן פריער, איידער די בבלים זיינען
געקומען באַלאַגערן ירושלים, אָבער זיין זון יהויכין
(יכניהו) האָט געמוזט קאַפּיטולירן און אַוועקגיין אין געפאַנ־
גענשאַפט צוזאַמען מיט נאָך צען טויזנט יידן — קריגער,
כהנים און מעטאַל־אַרבעטער (597 פ.ג.ע.). אויף זיין אָרט
האָט נבוכדנצר נאָמינירט זיין פעטער צדקיהו (596—586),
דעם לעצטן מלך פון יהודה. דער שוואַכער און נישט דעצי־
דירטער מלך האָט זיך געוואַקלט צווישן די עצות פון ירמיהו
הנביא, וואָס האָט אים אויפגעפאָדערט צו זיין לאָיאַל צו בבל,
און די פאָדערונגען פון די פירשטן, וואָס האָבן נאָך אַלץ
געהאָפט מיט דער הילף פון מצרים זיך צו באַפרייען פון
בבל. עס האָט געזיגט די מלחמה־פּאַרטיי. די מצרישע הילף
האָט נאָר אויף א קורצע צייט גורם געווען די צוריקציונג פון
די בבלים. זיי האָבן זיך תיכף אומגעקערט און באַלאַגערט
ירושלים, קרית־יערים, עזקה און לכיש. איינער נאָך דער אנ־
דערער זיינען די שטעט געפאַלן. פון דער צייט פון אָט דער

לעצטער מלחמה שטאַמען די בריוו, וואָס מען האָט לעצטנס געפונען אין לכיש. ירושלים האָט זיך פּאַרטיידיקט אָנדער־האַלבן יאָר, מוראדיק ליידנדיק פון הונגער. ירמיהו האָט כסדר גערופן דעם מלך צו קאַפּיטולאַציע און איז שיער נישט דערהרגעט געוואָרן צוליב דעם דורך די פּירשטן. אין 586 איז ירושלים געפאַלן, דער בית־המקדש איז פאַרברענט גע־וואָרן, די שטאָט איז חרוב געוואָרן, דעם מלך צדקיהו האָבן די בבלים אויסגעשטאָכן די אויגן און ער איז אינגיכן געשטאָרבן אין תפיסה. מער ווי א העלפט פון די איינוווינער פון יהודה זיינען אַוועקגעפירט געוואָרן קיין בבל. אין לאַנד איז פאַר־בליבן די אָרעמסטע באַפעלקערונג, וואָס האָט פון די בבלים באַקומען די ערד פון די פאַרטריבענע.

ירמיהו איז באַפרייט געוואָרן ווי א באַוווסטער אָנהענגער פון אונטערגעבן זיך די בבלים און איז געבליבן אין דער שטאָט מצפה, וואָס איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין דער נייער הויפּט־שטאָט פון דער בבלישער פּראָווינץ יהודה. פאַרן גוי־בערנאַטאָר האָבן די בבלים באַשטימט גדליה בן־אחיקם, ירמיהוס א פריינד, וואָס איז אָבער אינגיכן דערהרגעט גע־וואָרן דורך א מיטגליד פון דער קיניגלעכער דוד־דינאַסטיע. דאַן זיינען א סך יידן אַנטלאָפן קיין מצרים, מורא האָבנדיק פאַר רעפּרעסיעס מצד די בבלים און האָבן מיטגעשלעפּט מיט זיך דעם זקן ירמיהו.

א) פון גלות־בבל ביזן חשמונאים־אויפשטאַנד (586 — 168)

גלות־בבל

די ייִדן, וואָס זיינען אוועקגעפירט געוואָרן קיין בבל, זיינען נישט פאַרוואַנדלט געוואָרן אין שקלאַפן. זיי זיינען פאַרבליבן פרייע מענטשן, זיי האָבן געמעגט וווינען אין שטעט און דערפער, ס'איז זיי נאָר געווען פאַרבאָטן זיך אומצוקערן אין זייער היימלאַנד. די בבלישע רעגירונג האָט ארויסגעגעבן די יידישע פאַרטריבענע ערד־נחלות און זיי האָבן זיך באַזעצט אין אייגענע ישובים (איינער פון זיי האָט געהייסן תל־אביב). אסך יידן זיינען אריבער צו האַנדל, וואָס איז געווען זייער פאַרשפרייט אין בבל, — אין יענע צייטן דעם עקאָנאָמיש אמיינסטן אַנטוויקלטן לאַנד פון דער אַלטער וועלט. אָבער די יידן האָבן זיך נישט אסימילירט צווישן די בבלים. זיי האָבן שוין געהאַט א דייטלעכן באוווסטזיין פון זייער רעליגיעזן אונטערשייד פון אַנדערע פעלקער, דאָס רוב יידישע גולים אין בבל האָט געטרוימט וועגן אומקערן זיך צוריק קיין יהודה, צוריקצושטעלן דעם בית־המקדש און אַן אייגענע מדינה. אָבער זיי האָבן נישט געשטרעבט צו אן אומ־

אָפּהענגיקן מלכות, וואָס האָט אויפגעהערט צו זיין מעגלעך. די כהנים, וואָס האָבן אין גלות־בבל פאַרגעשטעלט א וויכ־טיקן עלעמענט, האָבן זיך פאַרגעשטעלט די קומענדיקע יידישע מדינה ווי א טעאָקראַטישע קהילה, וואָס בראש פון איר דאַרפן שטיין די כהנים. איינער פון זיי, יחזקאל, וואָס איז אוועקגעפירט געוואָרן קיין בבל נאָך אין 597 פ.ג.ע., האָט גע־נוי געשילדערט אין אוטאָפּישע פאַרבן די קומענדיקע אידע־אַלע אָרדענונג, דעם קולט, די געזעצן. ער האָט נאָך אנער־קענט א וועלטלעכן רעגירער, דעם נשיא, אָבער זיין פונקציע איז נאָר געווען צו באַזאָרגן דעם בית־המקדש מיט אַלדאָס נויטיקס. פּאָליטיש איז יחזקאל געווען אן איבערהצייגטער אָנהענגער פון בבל און האָט העפטיק אָנגעגריפן אַלע לענ־דער, וואָס האָבן זיך קעגנגעשטעלט נבוכדנצרן. זיין אַרבעט האָבן ממשיך געווען אנדערע כהנים, וועלכע האָבן פונדאַסניי באַאַרבעט די ריטועלע געזעצן און תקנות פאַר דער קומענ־דיקער יידישער קהילה, וואָס האָט געזאָלט האָבן נאָר רעלי־גיעזע אַטריבוטן. זיי האָבן אָנגעהויבן די א״ג תורת כהנים, די געזעץ־זאַמלונגען אין די ספרים שמות, ויקרא און במדבר, וואָס איז אוועק א סך ווייטער, ווי דער ספר דברים פון יאָר 621.

ווען נאָך נבוכדנצרס טויט האָט בבל גענומען ארויסווייזן סימנים פון שוואַכקייט, איז צווישן די גולים געשטיגן אן אַנ־טיבבלישע שטימונג. בבל איז באַדראָט געוואָרן דורך כורשן, דעם מלך פון פּרס. א טאַלענטירטער נביאישער שרייבער, וואָס זיין נאָמען איז אומבאַקאַנט און וואָס מען רופט אים „דער צווייטער ישעיהו" (מחמת זיין ווערק איז על־פּי־טעות אריינגענומען געוואָרן אין איין בוך מיט די כתובים פון דעם אמתן ישעיהו), האָט באַגריסט כורשן ווי דעם גאָט־גע־

זאָלבטן (משיח) אויסלייזער פון די יידן. באמת, ווען כורש האָט איינגענומען בבל און איינגעשלאָסן אים אין זיין ריזי־קער אימפּעריע, האָט ער דערלויבט די יידן צוריק אויפצו־שטעלן דעם בית־המקדש אין ירושלים (538 פ.ג.ע.). אָבער נאָר א קליינע צאָל יידן האָט אויסגענוצט כורשס אַקט, כדי אומצוקערן זיך אינעם היימלאַנד. דאָס רוב יידן האָט זיך גוט אַקלימאַטיזירט אין בבל און איז דאָרט פאַרבליבן. פון זיי שטאַמט דער גרויסער יידישער קיבוץ אין בבל און אין די שכנישע לענדער.

גלייכצייטיק מיטן בבלישן האָט עקזיסטירט א באַדייטנ־דיקער יידישער ישוב אין מצרים. דאָרט זיינען די יידן געווען אין א גרויסער מאָס מיליטערישע קאָלאָניסטן. רעליגיעז זיי־נען זיי פאַרבליבן אויף דער סטאַדיע פון פאַר דער יאשיהו־רעפאָרם. זיי האָבן אָנערקענט, חוץ יהוהן, אויך אנדערע גע־טער און האָבן אויסגעבויט אין איינער פון די מצרישע שטעט, עלעפאנטינע, אן אייגענעם יהוה־טעמפּל, להיפוך צום פאַרבאָט פון ספר דברים צו בויען טעמפּלען מחוץ ירו־שלים. איינצלנע גרופּעס יידן האָבן זיך באַזעצט אויך אין פעניקיע, קליין־אַזיע און אנדערע לענדער.

בית־שני

די קליינע גרופּע יידישע צוריקוואַנדערער פון בבל זיינען צוגעטראָטן צו דער ווידעראויפשטעלונג פון דעם בית־המקדש. צוליב פאַרשיידענע שוועריקייטן האָט זיך די בויונג פאַר־צויגן ביז 515 פ.ג.ע. דער פּערסישער גובערנאַטאָר פון ירוש־לים און אומגעגנט איז צוערשט געווען ששבצר, דער זון

פון געוועזענעם מלך יכניהו. דערנאָך איז אויף זיין אָרט נאָמינירט געוואָרן אַן אנדער פאָרשטייער פון בית-דוד, זרובבל. בעת זיין אָנפירערשאַפט, ווען דער כהן-גדול איז געווען יהושע, איז דער בית-שני פייערלעך געהייליקט געוואָרן. ער איז געווען קלענער און א סך אָרעמער, ווי דער בית-ראשון. די צוריקגעקומענע פון בבל האָבן זיך געהאַלטן פאר די אמתע אויסדערוויילטע יידן. זיי האָבן געהאַט קאָנפליקטן מיט די איבערגעבליבענע אין לאַנד רעשטלעך פון דער אַלטער באַפעלקערונג פון מלכות יהודה. נאָך גרעסערע סכסוכים האָבן זיי געהאַט מיט די שומרונים — דער באַפעלקערונג פון הרי-אפרים, וואָס האָט געשטאַמט פון די רעשטלעך פון די אַמאָליקע בני-ישראל מיט א געוויסער צומישונג פון אַנדערע עטנישע עלעמענטן, באַזעצטע דאָרט דורך די אשורים. די שומרונים האָבן געוואָלט מיטאַרבעטן מיט די יידן ביי דער בויונג פון בית-המקדש און האָבן אין אים אַ חלק, אָבער די נייע יידישע קהילה פון ירושלים האָט זיי נישט אָנערקענט פאַר ברידער. אַזוי איז ענדגילטיק פאָרגעקומען אַ שפּאַלטונג צווישן די קינדסקינדער פון ביידע מלכותן — יהודה און ישראל. די טעריטאָריע פון יהודה איז געווען זייער קליין. דער גאַנצער דרום, צוזאַמען מיט דער אַלטער שטאָט חברון איז בעתן גלות-בבל פאַרנומען געוואָרן דורך די אדומים, וואָס זיינען אַרויסגעשטויסן געוואָרן פון זייער לאַנד דורך די אראבישע נאַבאַטייער. אויך מיט די אדומים זיינען די באַציונגען געווען אויסערגעוויינלעך פיינטלעכע.

נאָך זרובבלן האָבן די פּערסן אויפגעהערט צו נאָמינירן פאר גובערנאַטאָרן פון יהודה פאָרשטייער פון דער אַלטער בית-דוד-דינאַסטיע. ביסלעכווייז איז זי פאַרשוואונדן אָן א שפור. די אמתע פאַרוואַלטער פון דער פּראָווינץ זיינען

געוואָרן די כהנים־גדולים. דער טעאָקראַטישער אידעאַל — די הערשאַפט פון כהנימטום — איז פאַרווירקלעכט געוואָרן. דאָס איז פאַרפיקסירט געוואָרן אין דער תורת־כהנים, וואָס איז פאַרענדיקט און קאָדיפיצירט געוואָרן אין בבל אין דער פערסישער צייט און האָט פאַרגעשטעלט מיט זיך די אויספירלעכע קאָנסטיטוציע שוין נישט פון אַ פּאָליטישן, נאָר פון אַ ריין־רעליגיעזן ציבור. זי איז רעטראָספּעקטיוו אַריבערגעטראָגן געוואָרן, פּונקט ווי פאַר דעם דער ספר דברים, אין די ווייטע צייטן פון משה, אָבער דאָס מאָל נישט ווי משהס צוואה, נאָר ווי געזעצן, וואָס גאָט האָט אליין דיקטירט משהן אויפן הר סיני. די תורת־כהנים איז קונציק מאָנטירט געוואָרן מיט די אַלטע לעגענדעס־זאַמלונגען פונעם יהוויסט און אלהיסט, און אזוי איז אַנטשטאַנען (צוזאמען מיטן ספר דברים) דער איצטיקער חומש. זיין רעדאַקטאָר און קאָדיפיקאַטאָר איז געווען דער געלערנטער כהן און סופר עזרא פון בבל. אין 457 פ.ג.ע. איז עזרא בראש פון א נייער גרופּע איבערוואַנדערער פון בבל אָנגעקומען קיין ירושלים. אָבער דאָס אריינפירן אין לעבן דעם נייעם געזעץ האָט צוגענומען עטלעכע יאָר. דאָס איז סוף־כל־סוף געשען ביי דער ענערגישער מיטווירקונג פון נחמיה, א בבלישן ייד און פערסישן הויפמאַן, וואָס איז אין יענער צייט געשיקט געוואָרן ווי דער גובערנאַטאָר פון יהודה. אין 444 פ.ג.ע. איז דער חומש אָפיציעל אריינגעפירט געוואָרן אין דער יידישער קהילה פון ירושלים. די דאָזיקע דאַטע איז דער אָנהייב פונעם יידנטום ווי א רעליגיעזער ביתה אין פאַרשיידענע לענדער בראש מיט דער טעאָקראַטיע פון ירושלים. אַדאַנק די גרויסע איינפלוסן פונעם בבלישן יידנטום ביים פערסישן הויף, זיינען די רעליגיעזע דינים פון תורת־כהנים אָנגעוואָרפן געוואָרן די יידן

פון אנדערע לענדער, בפרט פון מצרים, דורך קיניגלעכע דעקרעטן.

די פערסישע הערשאַפט מיט איר טאָלעראַנץ, אינעווייניקסטער אויטאָנאָמיע און זייער פריינדלעכער באַציונג צו די יידן אין אלע סאַטראַפּיעס פון דער אימפעריע איז געווען א צייט פון גרויסן מאַטעריעלן און גייסטיקן אויפשטייג פונעם יידנטום, א רויקע און א שעפערישע. ס'זיינען פארענדיקט געוואָרן די רעדאקציעס פון די נביאישע און היסטאָרישע ספרים פונעם תנך און עס זיינען אָנגעשריבן געוואָרן א סך נייע, ווי איוב, רות, משלי, דברי־הימים, טיילווייז תהילים א"א. די פערסישע רעליגיע, וואָס האָט געהאַט אן ענלעכקייט צום יידישן עטישן מאָנאָטעיזם, האָט שטאַרק משפיע געווען אויף די יידישע פאָלקס־גלויבונגען אין בבל און יהודה. ערשט צום סוף פון דער פערסישער הערשאַפט האָבן זיך די באַציונגען פארערגערט, און די איינוווינער פון יהודה האָבן מיט פרייד באַגריסט די אַרמייען פון אלכסנדר מוקדון, וואָס האָבן צעשמעטערט די פערסישע אימפעריע.

די העלעניסטישע צייט

די גריכיש־מאַקעדאָנישע דעראָבערער און קאָלאָניסטן האָבן מיטגעבראכט אויף מזרח די העכסטע אין יענער צייט גריכישע ציוויליזאציע. אין די מזרחדיקע באַדינגונגען האָט זי אָנגענומען די פאָרם פון העלעניזם, וואָס האָט פאַרייניקט גריכישע און מזרחדיקע עלעמענטן. נאָך אלכסנדר מוקדונס טויט איז זיין אימפעריע צעפאַלן געוואָרן. פאַלעסטינע איז אריבער צו מצרים, ווו ס'האָט געהערשט די דינאַסטיע

פון די לאַגידן אָדער פּטאָלאָמייער. די פּטאָלאָמייער זיינען געווען יידן־פריינדלעך. זיי האָבן צוגעצויגן יידן אין זייער נייער הויפּטשטאָט אַלעקסאַנדריע און געגעבן זיי בירגער־רעכט. שוין אין דער פּערסישער תּקופה האָבן די יידן אויפ־געהערט זיך צו באַנוצן אין טאָג־טעגלעכן לעבן מיט דער העברעישער שפּראַך און זיינען אריבער צו דער קרובישער אַראַמישער שפּראַך, וואָס איז געווען די אָפיציעלע שפּראַך פון דער גאַנצער מערבדיקער העלפט פון דער אימפּעריע. העברעיש איז געבליבן די שפּראַך פון רעליגיע און ליטעראַטור. די יידן אין מצרים זיינען אריבער אינגאַנצן צו גריכיש. זיי האָבן איבערגעזעצט פאַר זייער געברויך אויף גריכיש פריער דעם חומש, דערנאָך די איבעריקע ספרים פון תנך (די „סעפּטואַגינטאַ“).

די יידן פון יהודה זיינען געווען פון אָנהייב וויניק באַאיינפלוסט דורך דעם העלעניזם. אן אומדירעקטע השפּעה פון דער גריכישער פילאָסאָפיע שפּירט זיך אין דעם אייגנאַרטיקן סקעפּטישן און מאַטעריאַליסטישן ספר קהלת, וואָס איז אַנטשטאַנען אין יענער צייט. די אויסגעוואַקסענע יידישע באַפעלקערונג פון יהודה האָט זיך, ווי אין דער פּערסישער צייט, געפונען אונטער דער פאַרוואַלטונג פון די כהנים־גדולים, וואָס האָבן געהאַט סיי די רעליגיעזע, סיי די וועלטלעכע מאַכט. צוזאַמען מיט די כהנים־גדולים האָט א וויכטיקע ראָל געשפּילט דער זקנים־ראַט פון יהודה, וואָס איז באַשטאַנען פון די פאַרשטייער פון די אָנגעזעענסטע כהנישע משפּחות און נאָענטע צו זיי וועלטלעכע אריסטאָקראַטישע משפּחות. אינעם כהנימטום האָט זיך געמערקט אַ פּראָצעס פון פאַרוועלטלעכונג. פאַר די העכערע שיכטן פונעם כהנים־שטאַנד זענען די וועלטלעכע פונקציעס און די נאָענטקייט

צו די מלכים פון מצרים געוואָרן וויכטיקער פון די קולטישע פונקציעס. זיי זיינען געשטאַנען פולשטענדיק אויפן באָדן פון עזראס געזעץ, ווייל ער האָט זיי פאַרזיכערט א פּריווילעגירטע שטעלונג. אָבער היות ווי די תורה איז געווען דער יסוד פונעם גאַנצן לעבן, האָבן אויך נישט־כהנים אויפמערקזאַם געשטודירט דעם תורה־געזעץ. די שטעלונג פון די קאָנסערוואַטיווע, פירנדיקע יידישע קרייזן, אז גאָט איז דער אַבסאָלוטער אליינהערשער פון דער וועלט און פירט זי אויפן בעסטן אופן, האָט נישט געקענט באַפרידיקן די ברייטע פאָלקסשיכטן, וועלכע האָבן געפילט, אז עפּעס איז נישט אין אָרדענונג אין דער אומיושרדיקער וועלט. צווישן זיי האָט זיך אלץ מער פאַרשפּרייט דער געדאַנק פון דואַליזם, וואָס האָט געשטאַמט פון דער פערסישער רעליגיע: חוץ גאָט איז אין דער וועלט פאַראַן א קעגנגעזעצטער, בייזער כוח, דער גייסט פון שלעכטס, דער שטן. צוזאמען מיט דואַליזם האָבן די יידישע מאַסן איבערגענומען דעם גלויבן אין א גרויסער צאָל ליכטיקע און פינצטערע גייסטער, מלאכים און דעמאָנען. די אומבאַפרידיקטקייט מיטן עולם הזה האָט גורם געווען צו דער פאַרשפּרייטונג פונעם גלויבן אין תחית־המתים און אין עולם הבא, וואָס איז געווען אינגאַנצן פרעמד דער תנך־רעליגיע. די קלאָרקייט און דורכזעעוודיקייט פון דער תנך־רעליגיע איז פאַרביטן געוואָרן צווישן אַלץ ברייטערע קרייזן דורך אַ שלל פון מיסטישע, געהיימנישפולע פאָרשטעלונגען. גאָט האָט באַקומען דעם אויסזען פון א העלעניסטישן גרויס־מלך מיט א ריזיקער היעראַרכישער ביוראָקראַטיע פון פאַרשיידענע מינים מלאכים. ער איז געוואָרן ווייטער פון דער וועלט, מער אַבסטראַקט; דאַקעגן זיינען פערסאָניפי־

צירט געוואָרן זיינע אַטריבוטן, ווי זיין רייד (מימרא), זיין אָנוועזנהייט (שכינה), זיין קלוגשאַפט (חכמה) אא"וו.

אין יאָר 198 פ.ג.ע. איז גאַנץ פּאַלעסטינע אַריבער פון מצרים צו דער סיריש-מעסאָפּאָטאַמישער העלעניסטישער מלוכה פון די סעלייקידן. די אָנפירנדיקע קרייזן פון יהודה זיינען געווען דערפון צופרידן, אָבער ס'איז געבליבן אויך א פּראָ-מצרישע פּאַרטיי. ס'האָט זיך אָנגעהויבן א בלוטיקער קאַמף פאַר דער מאַכט אין לאַנד צווישן די צוויי אָנגעזעענע משפחות — די בני-חוניו און די בני-טוביה. די העלע-ניזאַציע פון די העכערע שיכטן האָט געמאַכט א גרויסן שריט פאָרויס. ס'האָט זיך באַוויזן א שטאַרקע יידישע ריב-טונג, וואָס האָט געשטרעבט אָנצונעמען די גריכישע זיטן און מנהגים און אריבערגיין צום גריכישן לעבנסשטייגער. להיפוך צו די העלעניסטן האָט זיך אויסגעבילדעט די פּאַר-טיי פון די א"ג חסידים, ד"ה „פרומע", וואָס האָבן נישט געוואָלט וויסן, וועגן קיינע שום אָפּווייכונגען פון דעם אַלטן יידישן דין.

ווען אויפן סירישן טראָן איז ארויף אַנטיאָכוס IV עפּיפאַנעס (175), האָט דער קאַמף צווישן דעם העלעניזם מיטן טראַדיציאָנעלן יודאיזם אָנגענומען א טראַגישן כאַ-ראַקטער. אין יענע צייטן איז די העלעניזאַציע פון מזרח אריינגעטראָטן אין א קריטישער פאַזע. די אַזיאַטישע אימ-פּעריע פון די סעלייקידן האָט פאַרלאָרן א גאַנצע ריי פּראָ-ווינצן. זי האָט געהאַט געליטן א שווערע מפּלה מצד א נייעם וועלט-פאַקטאָר — דער רוימישער רעפּובליק. כדי איינצו-האַלטן און צו קאָנסאָלידירן די איבערגעבליבענע געביטן, האָט אַנטיאָכוס עפּיפאַנעס אָנגעהויבן מיט אלע מיטלען צו סטימולירן די צוזאַמענשמעלצונג פון אַלע אונטערגעוואָרפענע

פעלקער אין איין העלעניזירטער גאַנצקייט. אויפן געביט פון יהודה איז אים מיט גרייטקייט אַנטקעגנגעקומען די יידישע העלעניסטישע פּאַרטיי. דעם כהן־גדולס חוניו III־טנס ברו־דער, יהושע, וואָס האָט העלעניזירט זיין נאָמען אין יאַסאָן, איז פאַר א ריזיקער סומע נאָמינירט געוואָרן פאַרן כהן־הגדול אויפן אָרט פון זיין ברודער. ער איז געווען אַן איבער־צייגטער אַסימילאַטאָר און האָט אָפן געמאָלדן, אז אַנשטאָט דעם בונד מיט יהוה איז געקומען אַ צייט צו שליסן אַ בונד מיט די ארומיקע פעלקער און זיך נישט אויסטיילן פון זיי. ירושלים האָט באקומען א גריכישע שטאָט־קאָנסטיטוציע, ס'איז אויסגעבויט געוואָרן א גימנאַסיאָן (ספּאָרט־פּלאַץ), די יוגנט האָט איבערגענומען די גריכישע קליידונג און זיך געשעמט מיט דער מילה. אין 170 פ.ג.ע. האָט א נאָך עקס־טרעמערער העלעניסט, א מיטגליד פון די בני־טוביה, מע־נעלאַאָס, געקויפט ביים סירישן מלך דעם אַמט פון כהן־גדול. חוניו איז דערמאָרדעט געוואָרן, זיין אייניקל איז אַנט־לאָפן קיין מצרים און דאָרט פאַרלייגט אַ נייעם בית־המקדש אין שטאָט לעאָנטאפאָליס אויפן אָרט פונעם פאַרשוועכטן בית־שני פון ירושלים. קעגן מענעלאַאָסן זיינען אויסגעבראָכן אומרוען. דעמלט איז אַנטיאָכוס עפּיפאַנעס אליין אריין קיין ירושלים, אויסגערויבט דעם בית־המקדש (169), און אין ווייטערדיקן יאָר 168 אָפיציעל פאַרבאָטן די יידישע רעלי־גיע. אויך די שומרונים זיינען נישט געשוינט געוואָרן. סיי דער יידישער בית־המקדש אין ירושלים, סיי דער שומרו־נישער אויפן הר גריזים אין שכם זיינען פאַרוואַנדלט געוואָרן אין טעמפּלען פון דעם גריכישן הויפּטגאָט זעוס. פאַר אויס־פירן דעם יידישן אָדער שומרונישן קולט האָט געדראָט טויטשטראָף. אזוי האָבן אַנטיאָכוס עפּיפאַנעס און זיינע

יידישע און שומרונישע אָנהענגער געמיינט אייגמאָל פאר אלעמאָל צו פארניכטן דעם נאַציאָנאַלן און רעליגיעזן מהות פון די פּאַלעסטינער אייגוווינער. צום ערשטן מאָל אין דער געשיכטע איז דאָס יידישע פאָלק ארונטערגעפאלן אונטער א רדיפה פון רעליגיעזן כאַראַקטער.

ב) דער חשמונאים־אויפשטאַנד און די חשמונאישע דינאַסטיע (167 — 63 פ.נ.ע.)

אַנטיאָכוס האָט איבערגעשאַצט די כוחות פון זיינע יידישע אָנהענגער. ביז איצט האָט דאָס יידישע פאָלק געדולדיק איבערגעטראָגן די פרעמדע הערשאַפט. די ברוטאַלע מאָס־מיטלען פון א טאָטאַלער צוואַנג־אַסימילאַציע האָבן ארויסגערופן א ברויזונג אינעם פאָלק. עס זיינען געווען א סך אַקטן פון קידוש־השם. אינגיכן איז אויפן אָרט פון פּאַסיוון מאַרטירערטום געקומען אן אקטיווער באַוואָפנטער ווידערשטאַנד. דער סיגנאַל איז געגעבן געוואָרן אינעם דאָרף מודעין, צווישן ירושלים און יפו. ווען דעם מלכס קאָמיסאַרן האָבן דאָרט אויפגעשטעלט א גריכישן מזבח און א העלעניזירטער ייד האָט אויף אים געבראַכט א קרבן לויטן גריכישן דין, האָט דער אַלטער מתתיהו, פון דער כהנים־משפחה חשמונאים, דערהרגעט סיי דעם משומד, סיי דעם קיניגלעכן באַאַמטן און אנידערגעוואָרפן דעם מזבח. ער מיט זיינע פינף זין — יוחנן, שמעון, יהודה, אלעזר און יונתן — האָבן זיך געשטעלט בראש פון אַן אויפשטענדלער־אָפּטיילונג פון די אָרטיקע פויערים, זיינען אוועק אין די בערג און באַשלאָסן צו פירן אַן אומברחמנותדיקן קאַמף קעגן די

גריכן און קעגן די אַפּטריניקע יידן, זיך נישט אָפּשטעלנדיק פאַר שלאָגן זיך אַפילו אום שבת, כדי נישט אַרייננצופאַלן אין דעם שונאס הענט. די אָפּטיילונג איז שנעל געוואַקסן. דער אַלטער מתתיהו איז געשטאָרבן, און בראָש פון דער באַוועגונג האָט זיך געשטעלט זיין מיטלסטער זון, יהודה, מיטן צונאָמען מכבי (ריכטיקער מסתמא מקבי, פון מקבת — „האַמער") — אַ טאַלענטירטער קריגספירער און אַ מייסטער פון פּאַרטיזאַנישע באַרג-קאַמפן. מיט קליינע כוחות האָט יהודה המכבי עטלעכע מאָל צעקלאַפּט גרויסע און שטאַרקע גריכיש-סירישע אַרמייען. אין 165 פ.ג.ע. איז זיין חייל אַריין אין ירושלים און פאַרנומען דעם הר-הבית. נישט פאַרנומען איז געבליבן דאָס ניי-אויסגעבויטע באַפעסטיקטע שטאָטפערטל אַקראַ, וווּ עס האָבן זיך פאַרטיידיקט די העלעניזירטע יידן. דער פאַרשוועכטער בית-המקדש איז גרינטלעך אָפּגערייניקט געוואָרן, און דעם 25 כסלו 165 איז אין אים באַנייט געוואָרן די עבודה לויטן יידישן דין. לכבוד דער דאָזיקער געשעעניש איז איינגעפירט געוואָרן דער יום-טוב חנוכה.

דערנאָך האָט יהודה המכבי געמאַכט אַ קריגסצוג קיין עבר-הירדן, און זיין ברודער שמעון — קיין גליל, כדי צו העלפן די יידן פון די דאָזיקע ראַנגעגנטן. די יידישע באַפעלקערונג איז פון דאָרט אַוועקגעפירט געוואָרן קיין יהודה. דערווייל איז געשטאָרבן אַנטיאָכוס עפּיפאַנעס, זיינע נאָכפאָלגער האָבן באַשלאָסן צו מילדערן דעם קורס לגבי דער יידישער רעליגיע. דער יידישער קולט איז צוריק דערלויבט געוואָרן. אַנשטאָט דעם אָפּטריניקן אוזורפּאַטאָר מענעלאַאָס איז באַשטימט געוואָרן פאַרן כהן-גדול אַ מעסיקער העלעניסט — אַלקימאָס. היות ווי ער האָט געהערט צו אַן אויסגע-

טישער כהנים־משפחה, האָט די רעליגיעזע פּאַרטיי פון די חסידים אָנערקענט אים און דעם רעליגיעזן שלום און האָט זיך צוריקגעצויגן פונעם אויפשטאַנד. אָבער די אָנהענגער פון די חשמונאים האָבן זיך שוין נישט באַגנוגנט מיט אומקערן דעם סטאַטוס־קוואָ פון פאַר אַנטיאָכוס׳ס גזירות. זיי האָבן ממשיך געווען דעם קאַמף פאַר א פולער פּאָליטישער פרייהייט פון יהודה — אַ ציל, וואָס האָט נישט עקזיסטירט במשך פון איבער 400 יאָר. יהודה האָט אָפּגעהאַלטן נאָך עטלעכע גלענצנדיקע נצחונות (לכבוד זיין נצחון איבער דעם סירישן קריגספירער ניקאַנאָרס, 161, איז איינגעשטעלט געוואָרן א יום־טוב דעם 13 אָדר). ער האָט געשיקט א דעלעגאַציע צו שליסן א בונד מיט רוים, וואָס איז תמיד געווען גרייט צו אונטערשטיצן בלערליי צעפאַלונגס־פּראָצעסן אין די העלעניסטישע מאָנאַרכיעס. אָבער קיין שום ממשותדיקע הילף האָט יהודה פון רוים נישט באַקומען. אין 160 פ.ג.ע. האָט דער סירישער קריגספירער באַקכידעס באַזיגט יהודהס אָפּטיילונג ביי עלאַסאַ. יהודה המכבי איז געפאַלן אין שלאַכט. די הערשאַפט פון די סעלייקידן איבער יהודה איז צוריקגעשטעלט געוואָרן, אָבער די פּאַטריאָטישע פּאַרטיי האָט נישט קאַפּיטולירט.

יהודה ווערט האַלב־אומאָפּהענגיק

די פּאַטריאָטישע אָפּטיילונגען האָבן אויסגעקליבן פאַר זייער ראש דעם יינגסטן פון די ברידער חשמונאים, **יונתן**. עטלעכע יאָר האָט ער געפירט א פּאַרטיזאַנישע מלחמה אין נגב און עבר־הירדן. זיין ברודער יוחנן איז געפאַלן א קרבן

פון אַן אַראַבישן אָנפאַל (אלעזר איז נאָך פאַרן טויט פון יהודה המכבי העלדיש אומגעקומען אין אַ שלאַכט מיט די סיריער). דערווייל איז אין 159 געשטאָרבן דער כהן⸗גדול אַלקימאָס. זיין אַמט איז פאַרבליבן וואַקאַנט. באַקבידעס האָט אין 157 געשלאָסן וואָפנשטילשטאַנד, זיך אויפגעהערט צו מישן אין דעם בירגער⸗קריג צווישן פאַטריאָטישע און העלעניסטישע יידן און זיך עוואַקוירט פון יהודה. דעמלט האָט זיך יונתן פאַרפעסטיקט אין מכמש, צו צפון פון ירושלים. אינגיכן האָט זיך אין סיריע אָנגעהויבן א בירגער⸗קריג צווישן דעם מלך דעמעטריאָס I און א פרעטענדענט אויפן טראָן אלכסנדר באלאס, געשטיצט פון מצרים (153). ביידע קעגנער האָבן אָנגעהויבן זיך צו ליציטירן אין גינסטיקע פאָרשלאַגן, כדי צו געווינען אויף זייער זייט יונתנען מיט מוטיקן און געפרווטן חייל. יונתן האָט מייסטערהאַפט אויסגענוצט די קאָניונקטור. ער האָט זיך געשטעלט אויף דער זייט פון אלכסנדר און איז דורך אים באַשטעטיקט געוואָרן ווי דער כהן⸗גדול, קריגספירער און עטנאַרד (פאָלקס⸗פירער) פון די יידן, מיט פרעראָגאַטיוון פון א רעגירנדיקן פירשט און אַ האַלב⸗אומאָפהענגיקן וואַסאַל פון סיריע. יונתן האָט פאַרנומען ירושלים, חוץ דער יידיש⸗העלעניסטישער פעסטונג אַקראַ, און פאַרברייטערט די גרענעצן פון יהודה. און אויך נאָך אַלכסנדרס מפלה אין 146, ווען דעם טראָן האָט פאַרכאַפט דעמעטריאָס II, האָט ער באַוויזן ארויסצורייסן ביים נייעם מלך פרישע קאָנצעסיעס. אין 145 פ.ג.ע. האָט זיך ווידער צעפלאַקערט א בירגער⸗קריג אין סיריע. די יידן האָבן זיך געשטעלט אויף דער זייט פון אלכסנדרס אַמאָליקן קריגספירער טריפאָן און האָבן גענומען זייער אן אקטיוון אָנטייל אין דער מלחמה בראש מיט יונתן און זיין עלטערן

ברודער שמעון. דערביי האָבן זיי ווידער פאַרברייטערט די גרענעצן פון דער יידישער מלוכה. יונתן האָט באַנייט דעם אָפּמאַך מיט רוים ווי אַ גאַראַנט פון יהודהס אומאָפּהענגי־קייט. אָבער טריפאָן האָט מורא געקריגן פאַרן וווקס פון יונתנס מאַכט, ער האָט אים פאַרנאַרט קיין עכו (פּטאָלע־מאָיס), גענומען געפאַנגען און סוף־כּל־סוף אומגעבראַכט (143 פ.ג.ע.).

פולע אומאָפּהענגיקייט פון יהודה

יונתנס אָרט האָט פאַרנומען דער לעצטער פון די ברידער חשמונאים, שמעון, דאַן שוין אַן אַלטער מאַן. ער האָט אָפּ־געשלאָגן דעם אָנגריף פון טריפאָן, און ווען יענער האָט דער־הרגט אלכסנדרס מינדעריעריקן זון און זיך אַליין פּראָקלאַ־מירט פאַרן מלך, איז שמעון אריבער אויף דער זייט פון דע־מעטריאָס II, אָבער דאָס מאָל אונטערן תּנאי פון אָנערקע־נען יהודהס פולע אומאָפּהענגיקייט. דאָס איז געשען אין 142 פ.ג.ע., און דאָס דאָזיקע יאָר איז אָנגענומען געוואָרן פאַרן ערשטן יאָר פון יהודהס פרייהייט.

שמעון האָט איינגענומען דעם פּאָרט יפו און באַקומען אַ צוטריט צום ים. אין 141 האָבן ענדלעך קאַפּיטולירט די העלעניסטישע יידן פון אַקראַ. לויטן קאַפּיטולאַציע־אָפּמאַך איז זיי דערלויבט געוואָרן צו פאַרלאָזן דאָס לאַנד. אין 140 האָבן די עלטסטע און דאָס פאָלק פון יהודה פייערלעך פּראָק־לאַמירט שמעונען פאַר זייער כּהן־גדול, קריגספירער און פאָלקס־ראש (נשיא) מיט ירושה־רעכט. צוזאַמען מיטן נשיא האָט אַ וויכטיקע ראָלע געשפּילט אין דער מלוכה דער

ראַט פון די עלטסטע, וואָס האָט אין דער חשמונאים־תקופה אָנגענומען דעם גריכישן נאָמען סנהדרין. ער איז באַשטאַנען פון 70 מיטגלידער פון די אָנגעזעענסטע משפחות פון לאַנד (אַ טראַדיציאָנעלער ציפער, וואָס שטאַמט נאָך פון די כנענישע צייטן); דער כהן־גדול איז געווען זיין שטענדיקער פאָרזיצער. ס'איז געווען דאָס העכסטע געריכט אין יהודה און דער הויפּט־אויטאָריטעט אין פראַגן פון רעליגיעזער געזעצגעבונג. אויף די מטבעות, וואָס עס האָבן געקלאַפּט די חשמונאישע פירשטן, פיגורירט דער סנהדרין (אונטער זיין אַלטן, נאָך כנענישן נאָמען חבר) צוזאַמען מיטן כהן־גדול, למשל „יהוחנן כהן הגדול וחבר היהודים".

אין 139 פ.ג.ע. האָט אַ יידישע דעלעגאַציע מיט רייכע מתנות באַזוכט דעם רוימישן סענאַט און ארויסגעקראָגן פון אים נישט נאָר אַן אָפיציעלע אָנערקענונג פון יהודהס אומאָפּהענגיקייט, נאָר אויך אַ צירקולאַר צו אַלע איבעריקע מלוכות וועגן דעם. פונדעסטוועגן, ווען אין סיריע האָט ענדגילטיק געזיגט דער ענערגישער אַנטיאָכוס VII סידעטעס, האָט ער ווידער געפּרוּווט צוריקצושטעלן די סירישע איבערהערשאַפט איבער יהודה. אין 137 האָבן שמעונס זין יוחנן און יהודה אָפּגעשלאָגן דעם ערשטן סירישן אָנגריף. אין 135 איז שמעון דערהרגעט געוואָרן דורך זיין מאַכטגיריקן איידעם. שמעונס זון יוחנן הורקונוס האָט באַזיגט דעם מערדער און איז געוואָרן כהן־גדול און נשיא אויפן פאָטערס אָרט (135 — 104 פ.ג.ע). אָבער אויב די אינעווייניקסטע אַנאַרכיע אין סיריע האָט געהאָלפן די יידן אין זייער קאַמף פאַר אומאָפּהענגיקייט, האָבן זיי נישט געקענט זיך אַן עצה געבן מיט אַ פאַראייניקטער סיריע. אין 134 האָט אַנטיאָכוס VII באַלאַגערט ירושלים, און יוחנן הורקונוס האָט געמוזט צוריק

ווערן א סירישער וואסאַל, צאָלן צינדז, אַראָפּרייסן די באַ־
פעסטיקונגען פון ירושלים און אָנטיילנעמען בראש פון
א יידישער מיליטער־אָפּטיילונג אין אַנטיאָכוס VII מלחמה
קעגן די פּאַרטן. און טאַקע פון די פּאַרטן איז געקומען די
ישועה פאר יהודה. אין 129 פ.ג.ע. האָבן די פּאַרטן צעשמע־
טערט דעם סירישן חייל און דערהרגעט אַנטיאָכוס VII; גאַנץ
מעסאָפּאָטאַמיע איז דורך זיי פאַרנומען געוואָרן. אין סיריע
וואָס איז אָפּגעשניטן געוואָרן פון דעם רייכן צווייטייכנלאַנד,
האָט זיך אָנגעהויבן א פּראָצעס פון צעפאַלונג און צעשפּלי־
טערונג. זי האָט אויפגעהערט צו זיין געפערלעך פאר יהודה,
און יוחנן הורקונוס איז צוריק געוואָרן אומאָפּהענגיק. דער
פּאַרטישער נצחון האָט געהאַט אויך א צווייטן פּאָזיטיוון
פּועל־יוצא: פון דער העלעניסטישער (און שפּעטער רוימי־
שער) ספערע איז ארויסגעפאַלן בבל — א לאַנד מיט
א גרויסן און שטאַרקן יידישן קיבוץ, וועלכער איז אונטער
דער יידן־פריינדלעכער פּאַרטישער מאַכט פאַרהיט געוואָרן
פון די סכנות, וואָס האָבן געדראָט די יידישע קיבוצים ביים
מיטללענדישן ים.

דער וווּקס פון דער יידישער מלוכה

איצט האָט יוחנן הורקונוס געקענט אליין אריבערגיין אין
אָנגריף און איינגעמען די נישט־יידישע געביטן פון פּאַלעס־
טינע. ער האָט פאַרוואַנדלט יהודה אין א מיליטערישער מלו־
כה. צווישן זיינע אַרמייען האָבן זיך געפונען געדונגענע אָפּטיי־
לונגען פון פאַרשיידענע גריכישע אַוואַנטוריסטן. ער האָט
איינגענומען די דרום־שכנים פון יהודה, די אדומים, און גע־

צוּוּנגען זיי אָנצונעמען דעם יידישן רעליגיעזן דין. די יידיש־געוואָרענע אדומים האָבן זיך מיט גרויס אויפריכטיקייט אָנגעשלאָסן אָן דעם יידישן פאָלק און זיך מיט אים מיט דער צייט אינגאַנצן צונויפגעגאָסן. יוחנן הורקונוס האָט אויך איינגענומען שכם, די הויפּטשטאָט פון די שומרונים, אָט דער יידישער סעקטע, וואָס האָט געשטאַמט פון די אַמאָליקע איינוווינער פון מלכות ישראל און האָט אָנערקענט נאָר דעם חומש. דאָרט האָט ער צעשטערט דעם שומרונישן בית־המקדש אויפן הר גריזים. ער האָט איינגענומען גליל, וואָס איז אין יהודה המכבים צייטן פאַרלאָזט געוואָרן פון די יידן, און האָט זי צוריק יידיש געמאַכט. א שווערן קאַמף האָט יוחנן הורקונס געמוזט פירן מיט די גריכישע פרייע שטעט אויף דער טעריטאָריע פון פּאַלעסטינע. צווישן 110 און 107 פ.ג.ע. האָט ער אינגאַנצן חרוב געמאַכט די גריכישע שטאָט שומרון, וואָס זיינע זין יהודה אריסטובול און אַנטיגנוס האָבן איינגענומען נישט געקוקט אויף דער אריינמישונג פון די סיריער.

יוחנן הורקונוס׳ נאָכפאָלגער, יהודה, וואָס האָט אויך גע־טראָגן דעם גריכישן נאָמען אריסטובול, האָט רעגירט קורץ (104). ער האָט ממשיך געווען די פאַרכאַפּערישע מלחמות פון זיין פאָטער; ער האָט באַזיגט דעם אַראַבישן רויבערישן שבט יטור אין דרום־סיריע און געצוווּנגען אים זיך מגייר צו זיין. אָבער ער איז לחלוטין נישט געווען קיין אידעאָלאָגישער שונא פון דער גריכישער קולטור; גריכישע שרייבער האָבן אים אָנגערופן „פולהעלען“ — דער גריכנפריינד. ער האָט זיך שוין נישט באַגנוגנט מיטן טיטל פון נשיא; לויטן גרי־כישן מוסטער האָט ער זיך אָנגערופן מלך, הגם אויף זיינע מטבעות („יהודה כהן־גדול וחבר היהודים“) טראָגט ער נאָר

נישט אַט דעם מיטל. ער האָט זיך געפירט ווי א טיפּישער גריכיש־מזרחדיקער דעספּאָט, האָט געהייסן דערהרגענען זיין ברודער אַנטיגנוס, די איבעריקע ברידער געהאַלטן אין תפיסה. נאָך זיין טויט האָט זיין אלמנה שלומית (שלום־ציון) אלכסנדרה ארויסגעלאָזט זיי פון תפיסה און חתונה געהאַט מיטן עלטערן פון זיי, יונתן, געווייגטלעך אָנגערופן אלכסנדר ינאי, וואָס איז געוואָרן מלך און כהן גדול (103 — 76 פ.ג.ע.). דאָס איז געווען אַ האַרטער, אומברחמ־נותדיקער זעלנער, וואָס האָט אַרייגגעצויגן דאָס לאַנד אין א ריי לאַנגע מלחמות. זיין פּרווו צו פאַרכאַפּן די האַפנשטאָט עכו (פּטאָלעמאַיס) האָט אים געקאָסט א שווערע מפּלה מצד דעם צו הילף געקומענעם מלך פון ציפּערן פּטאָלעמעוס (יאָר 100). פון פּטאָלעמעוסן האָט אים אויסגעלייזט א מצ־רישער חייל בראש מיט צוויי מצריש־יידישע קריגספירער, חלקיה און חנניה, אייניקלעך פונעם כהן־גדול חוניו III; אָבער נאָר דער פּראָטעסט פון אָט די צוויי יידישע קאָמאַנדירן האָט געראַטעוועט יהודה פון אינגאַנצן איינגענומען צו ווערן דורך מצרים. מער מזל האָט אלכסנדר ינאי געהאַט מיט אַנדערע גריכישע שטעט אויף מזרח און מערב, ביים ברעג ים, וואָס זיינען איינגענומען געוואָרן דורך זיינע געדונגענע קליינאַזיאַטישע זעלנער מיט א שרעקלעכער אכזריות און בלוט־פאַרגיסונג. אָבער נישט אלע ייִדן זיינען צופרידן געווען מיט דער עקספּאַנסיע־פּאָליטיק, וואָס איר אַנדערע זייט איז געווען דער וווקס פון מיליטאַריזם און דעספּאָטיזם. ס׳איז אויפגעקומען אַן אָפּאָזיציאָנעלע פּאָלקס־באַוועגונג בראש מיט דער פּאַרטיי פון די פּרושים.

צדוקים און פרושים

אין די צייטן פון יוחנן הורקונוס האָבן זיך אין יהודה ענדגילטיק אויסגעפורעמט צוויי רעליגיעז־פּאָליטישע פּאַר־טייען. ביידע זיינען זיי געשטאַנען אויפן נאַציאָנאַל־רעליגיעזן יידישן באָדן (די העלעניסטישע אַסימילאַטאָרישע פּאַרטיי האָט אויפגעהערט צו עקזיסטירן נאָך דער קאַפּיטולאַציע פון אַקראַ), אָבער זייער צוגאַנג סיי צו דער רעליגיע, סיי צו דער מלוכה־מאַכט איז געווען לגמרי פאַרשיידן. דאָס זיינען געווען די צדוקים און די פּרושים.

די צדוקים זיינען באַשטאַנען פון דער אַלטער און נייער כהנישער און וועלטלעכער אַריסטאָקראַטיע, וואָס איז געקו־מען צו דער מאַכט אין דער נייער מלוכה און האָט זיך גרו־פּירט אַרום דער חשמונאישער דינאַסטיע. הגם דער נאָמען פון דער פּאַרטיי שטאַמט פון דער אַלטער היסטאָרישער משפּחה פון די כהנים־גדולים — בני־צדוק (א סימבאָל פון המשכ־דיקייט און געזעצלעכקייט פונעם קולט), איז די פּאַרטיי גע־ווען אין תוך א וועלטלעכע. זי האָט געלעבט מיט די אינטע־רעסן פון דער נייער מלוכהשקייט, אַרמיי און אַדמיניסטראַ־ציע, והאָט געהאַט דעם איבערוואָג אינעם סנהדרין. די צדו־קים זיינען נישט געווען קיין פאַנאַטישע קעגנער פון די אוי־סערלעכע פאָרמען פון דער העלעניסטישער וועלט־ציוויליזאַ־ציע, אָבער רעליגיעז זיינען זיי געשטאַנען פולשטענדיק אויפן באָדן פון דער תורה, און דערביי נאָר פון דער תורה שבכתב, ווי זי איז פיקסירט געוואָרן דורך עזרא. זיי זיינען געווען זייער שטרענגע און ריגאָריסטישע מאַנאָטעיסטן; חוץ גאָט האָבן זיי נישט געגלויבט אין קיינע שום אנדערע איבערנאַ־

טירלעכע וועזנס, נישט אין מלאָכים, נישט אין שדים. זיי האָבן אָפּגעוואָרפן דעם גלויבן אין תחית־המתים און עולם־הבא, ווי אויך דעם געדאַנק פון פרעדעסטינאַציע (פאָרויס־באַשטימונג): זיי האָבן געהאַלטן, אַז דער מענטשלעכער ווילן איז פריי. זייער ניכטערער, ראַציאָנאַליסטישער צוגאַנג צו רעליגיע, און נאָך מער — זייער הויכע שטעלונג אין דער מלוכה האָבן זיי נישט פאַרשאַפט קיין פּאָפּולערקייט צווישן די ברייטע פאָלקס־שיכטן. אַלץ, וואָס מיר ווייסן וועגן זיי, שטאַמט פון זייערע קעגנער; אַ שטיקל פאָרשטעלונג וועגן זייער גייסטיקן מהות קען געבן דער ספר חשמונאים א׳, אַן אויסגעצייכנט היסטאָריש ווערק, פול מיט פּאַטריאָטיזם, רעליגיעזער פעסטקייט און התפעלות פאַר די חשמונאישע פירשטן, וואָס איז אַרויס פון די צדוקיש־געשטימטע ספֿע־רעס אַרום דעם אָנהייב פון I י״ה פ.ג.ע.

די פרושים, פאַרקערט, האָבן געהאַט אַ גרויסע השפּעה אויפן פאָלק. זיי האָבן זיך רעקרוטירט פון מיטלשטאַנד. בראש פון זייער ריכטונג זיינען געשטאַנען די געלערנטע פאַרשער פון דער תורה; די פאָרשונג און פאַרטיפונג פון דעם רעליגיעזן דין איז געשטאַנען פאַר זיי אויפן ערשטן אָרט. זיי זיינען געשטאַנען אין אַ פּרינציפּיעלער אָפּאָזיציע צו די חשמונאים. זיי האָבן נישט אָנערקענט זייער רעכט אויף פאַרנעמען די כהונה־גדולה און געהאַלטן, אַז די חשמו־נאַישע כהנים־גדולים פאַרשוועכן מיט זיך דעם בית־המקדש. און אויך די וועלטלעכע מאַכט זייערע האָבן זיי נישט גע־וואָלט אָנערקענען: אַ מלך האָט, לויט זייער איבערצייגונג, געקענט שטאַמען נאָר פון בית־דוד. די אינטערעסן פון דער וועלטלעכער מלוכה זיינען געווען פאַר זיי פרעמד און פיינט־

לער. זיי זיינען דאָקעגן געווען פאַרבונדן מיט די יידישע גלות־קיבוצים, באַזונדערס אין בבל. זיי האָבן געטרוימט וועגן דער מלכות פון גאָט, וואָס וועט אויפגעשטעלט ווערן דורך זיין משיח. זייער אָפּטיילן זיך פון דער מלוכה און די פיינט־לעכקייט צו אירע אָנפירער האָט גורם געווען זייער באַצייבענונג פּרושים, ד.ה „די אָפּגעטיילטע". אין רעליגיעזן זין האָבן זיי אָנגענומען אַלע נייע השגות, וואָס זיינען אויפגעקומען צווישן די יידן אין די צייטן פון העלעניזם און וואָס זיינען דורך אונדז דערמאָנט געוואָרן פריער. זיי האָבן געקוקט אויף דער תורה נישט ווי אויף אַ פאַרגליווערטער, אומבייטעוודיקער זאַך, נאָר ווי אויף אַ דין, וואָס דאַרף כסדר אַנטוויקלט, באַרייכערט און צוגעפּאַסט ווערן צום לעבן. די תורה שבעל־פּה איז פאַר זיי געווען פּונקט אַזוי הייליק און אויטאָריטעטפול, ווי די תורה שבכתב. זיי האָבן געגלויבט אין פאָרויסבאַשטימונג, אָבער ניט אינגאַנצן קאָנסעקווענט — זיי האָבן איבערגעלאָזט אַ געוויסן אָרט אויך פאַר דער פרייהייט פון ווילן.

אסיים

פון די קרייזן פון דער פּרושים־אָפּאָזיציע האָט זיך אויסגעטיילט אַן עקסטרעמער פליגל, וואָס האָט פאַרשאַרפט ביזן העכסטן גראַד די פּאָסטולאַטן פון די פּרושים. דאָס איז געווען אַ דריטע רעליגיעז־פילאָסאָפישע ריכטונג — די אַ"ג אסיים (גריכיש עסעער אָדער עסענען, דער העברעישער אָדער אַראַמישער נאָמען איז נישט באַוווסט). די אסיים האָבן אינ־

גאַנצן געלייקנט די פרייהייט פון ווילן. דער דואַליזם גאָט און שטן, ליכט און חושך, איז געווען ביי זיי דורכגעפירט מיט אַן אויסערגעוויינלעכער קאָנסעקווענטקייט. די אָפּאָזיציע צו די חשמונאים איז פאַרשפּיצט געוואָרן ביז אויף פולשטענדיקן צוריקציען זיך פונעם עפנטלעכן לעבן, פון דער זינדיקער וועלטלעכער מלוכה. די אַסיים האָבן געגרינדעט ענגע פאַרבאַגדן פון מאָנאַכישן טיפּ (אין אייניקע אַסיים־קרייזן איז געווען פאַרבאָטן חתונה צו האָבן), מיט אַן אָפּזאָג פון פּריוואַט־אייגנטום, מיט אַ שטרענגער רימועלער און אָרגאַניזאַציאָנעלער דיסציפּלין, מיט קאָלעקטיווער אַרבעט. זיי פלעגן פאַרלאָזן די שטעט און זיך באַזעצן אין מדבר. מיט 10 יאָר צוריק זיינען געפונען געוואָרן אין מדבר נישט ווייט פונעם ים־המלח רעשטן פון דער ביבליאָטעק פון אַן אַסייִשער קאָמונע, וואָס וואַרפן אַן אומדערוואַרטן שיין אויף זייער אָרגאַניזירונג און אידעאָלאָגיע. בכלל דאַרף מען זאָגן, אַז די חשמונאים־צייט האָט גורם געווען אַ ריזיקן אויפשטייג פון גייסטיקן לעבן און שאַפן אין יהודה. פון יענער צייט זיינען צו אונדז דערגאַנגען — אין גריכישע און אַנדערע איבערזעצונגען, ווייל די העברעישע אָריגינאַלן זיינען פאַרלאָרן געגאַנגען — אַ סך רעליגיעזע און מיסטישע ווערק וועגן דער צוקונפט פון דער וועלט, דעם יום־הדין, דער וועלט־אונטערגאַנג, וועגן דער מלכותא דרקיע און אַנדערע סודותדיקע זאַכן — די אַזוי גערופענע אַפּאָקריפישע ליטעראַטור, וואָס דריקט אויס די השקפות פונעם פּרושיש־אַסייִשן טייל פון פאָלק (למשל דער ספר היובלים, ספר חנוך, „צוואות פון יעקבס זין“ א“א). די ווערק, וואָס שטאַמען פון די אסיים זיינען דורכגעדרונגען מיט שטאַרקן סאָציאַלן פּראָטעסט.

בירגער־קריגן אין יהודה

די ארויסטרעטונגען פון די פרושים קעגן אלכסנדר ינאי האָבן ארויסגערופן דעם מלכס בלוטיקע רעפּרעסיעס. אלכּ־סנדר ינאי האָט אָנגעהויבן אַ מלחמה מיט די נאַבאַטעישע אַראַבער, וואָס האָבן געגרינדעט אויף די מדבר־ראַנדן פון פּאַלעסטינע אַ שטאַרקע מלוכה, און האָט געליטן אַ מפּלה. דאָס האָבן אויסגענוצט די פרושים, כדי אָנצוהייבן אַ באַ־וואָפנטע מרידה. זעקס יאָר (94—88 פ.ג.ע.) האָט געדויערט דער בירגער־קריג אין יהודה. די פרושים האָבן גערופן צו הילף אַ גריכישן מלך פון אַ טייל סיריע קעגן זייער אייגענעם מלך אלכסנדר ינאי. די מורדים אינאיינעם מיט די סיריער האָבן מנצח געווען אלכסנדרס ארמיי ביי שכם (88). דאַן האָבן זיך די מורדים געשפּאָלטן. אלכסנדר האָט ווידער גע־נומען דעם אויבנאַן און אויף אַן אַכזריותדיקן אופן זיך נוקם געווען אָן זיינע שונאים. אַ סך פרושים, און צווישן זיי זייער פירער שמעון בן שטח, האָבן געמוזט עמיגרירן. אלכסנדר ינאי האָט זיך ווידער אריינגעפּלאָנטערט אין מלחמות מיט סיריע און דער עיקר מיט די אַראַבער, געליטן אַ מפּלה און נאָר אין זיינע לעצטע יאָרן האָט ער געהאַט מער מזל אין עבר־הירדן, ווו ער האָט איינגענומען עטלעכע גריכישע שטעט. אויך אלכסנדר ינאי האָט געשטרעבט אָנצוואַרפן די איינוווינער פון די פאַרנומענע געביטן דעם יידישן גלויבן, — אָבער דאָס האָט געהאַט דער עיקר פּאָליטישע מאָטיוון — פעסטער איינצוגלידערן זיי אין דער יידישער מלוכה.

נאָך אלכסנדר ינאים טויט האָט די קיניגלעכע מאַכט אי־בערגענומען זיין אלמנה, שלומית אלכסנדרה (76—67). זי האָט זיך געפונען אונטער דער השפעה פון די פרושים און

איבערגעגעבן זיי די אָנפירונג פון דער מלוכה. די פרושים האָבן, קומענדיק צו דער מאַכט, אָנגעווענדט רעפּרעסיעס קעגן די צדוקים און אַנדערע קעגנער. די פרושים־טראַדיציע האָט שפּעטער מיט א סך גוזמאות אידעאַליזירט די רעגירונגס־צייט פון שלומית אַלכסנדרה. אָבער די 9 יאָר פון איר הערשאַפט זיינען באמת געווען א רויקע הפסקה צווישן די פריערדיקע און פאָרשטייענדיקע מלחמות און אינעווייניקסטע סכסוכים.

נאָך איר טויט איז אויסגעבראָכן א קאַמף פאַר דער מאַכט צווישן אירע צוויי זין: דעם עלטערן, הורקונוס II, א פאַסיוון און ווייניק־פעיקן מענטשן, וואָס האָט בעת זיין מוטערס רעגירונג פאַרנומען דעם אַמט פון כהן־גדול, און דעם יינגערן, אריסתובול II, אַן ענערגישן קריגער אין גייסט פון זיין פאָטער אלכסנדר ינאי. צוערשט האָט געזיגט אריסתובול און איז געוואָרן מלך. אָבער באַלד זיינען הורקונוס און דער פאַרוואַלטער מיט אלע זיינע ענינים, דער קלוגער און מאַכטגיריקער אַנטיפּאַטראָס (פון אַן אַנגעזעענער אדומישער משפחה), אַנטלאָפן צו די אַראַבער און גערופן זיי צו הילף קעגן אַריסתובלען. אריסתובל מיט זיינע אָנהענגער האָבן זיך פאַרפעסטיקט אויפן הר־הבית. דער נייער בירגער־קריג האָט, נישט געקוקט אויף דער אַראַבישער אינטערווענץ, זיך פאַרצויגן (66 — 65 פ.ג.ע.).

דערווייל איז די צעבראָקלטע און אָפּגעשוואַכטע סיריע פאַרנומען געוואָרן דורך דעם רוימישן מלוכה־מאַן און קריגס־פירער גנעוס פּאָמפּעוס און איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין א רוימישער פראָווינץ. ביז רוים איז געווען ווייט, האָבן די חשמונאישע פירשטן גערן זיך צו אים געווענדט נאָך דיפּלאָמאַטישער אונטערשטיצונג. איצט האָט ער זיך אָנגערוקט די־

רעקט אויף די גרענעצן פון יהודה. די צייט פון כאַאָס אין סיריע, וואָס האָט בכלל מעגלעך געמאַכט דעם אויפקום פון דער יידישער אומאָפּהענגיקייט, האָט זיך געענדיקט. רוים האָט זיך תיכף אריינגעמישט אין די ענינים פון יהודה. ביידע פרעטענדענטן האָבן אַפּעלירט צו זיין ארביטראַזש. גלייכצייטיק איז געקומען צו פּאָמפּעוסן א דעלעגאַציע פון די פּרושיש-געשטימטע יידן, וואָס האָבן געבעטן בכלל אָפּצושאַפן אין יהודה די מאָנאַרכיע און אומקערן זי צו דער טעאָקראַטישער אָרדענונג. סוף-כל-סוף האָט פּאָמפּעוס געפונען, אז אַריסתובל איז מער געפערלעך פאר רוים, האָט אים פאַרהאַלטן, באַלאַגערט זיינע אָנהענגער אויפן הר-הבית און גענומען דעם הייליקן באַרג נאָך א דריי-חדשימדיקער באַלאַגערונג (63 פ.ג.ע.); ער האָט אָבער נישט באַרויבט און נישט פאַרשוועכט דעם בית-המקדש. הורקונוס II איז באשטימט געוואָרן פארן כוהן-גדול און עטנאַרך (נשיא), אָבער שוין אָן דעם טיטל פון מלך און ווי א וואַסאַל פון רוים. די טעריטאָריע פון יהודה איז פארקלענערט געוואָרן: די גריכישע שטעט זיינען אויסגעטיילט געוואָרן פון איר געביט און האָבן באַקומען אויטאָנאָמיע אונטער דער השגחה פונעם רוימישן פּראָקאָנסול פון סיריע. די אומאָפּהענגיקייט פון יהודה האָט זיך פארענדיקט אויף תמיד. דאָס לאַנד איז געוואָרן א רוימישער פּראָטעקטאָראַט.

די גלות-קיבוצים

די אַנטשטייונג פון אן אומאָפּהענגיקן יידישן לאַנד האָט נישט גורם געווען קיין פאַרקלענערונג פון דער יידישער באַפעלקערונג אין גלות. קיין שום צוריקוואַנדערונג פון די גלות-

יידן קיין פּאַלעסטינע איז גישט פאָרגעקומען. יהודה, א קליין און אָרעם באַרגיק לאַנד, האָט, פּונקט אזוי ווי גריכנלאַנד, כסדר ארויסגעשיקט נייע עמיגראַנטן חוץ־לארץ. אין דער חשמונאישער צייט זיינען די צוויי גרעסטע יידישע גלות־קי־בוצים — דער בבלישער און דער מצרישער — נאָך מער אויסגעוואַקסן. באַזונדערס האָט זיך צעבליט דער גרויסער יידישער צענטער אין אלכסנדריה (מצרים). פריער איז שוין דערמאָנט געוואָרן וועגן דער גרינדונג פון אן אייגענעם בית־המקדש אין מצרים און וועגן יידן אויף הויכע מיליטערישע און מלוכהשע אַמטן ביים הויף פון די פּטאָלעמעער. אין אלכ־סנדריה איז אויפגעקומען א רייכע גריכיש־יידישע ליטעראַ־טור. דאָרט האָט מען זיך זייער אינטערעסירט מיט אַלע נייסן פון דער ליטעראַרישער שאַפונג אין דער פּאַלעסטיני־שער מעטראָפּאָליע און תיכף איבערגעזעצט זיי אויף גרי־כיש. די באַציונגען מיט די גריכישע שכנים האָבן זיך אָבער כסדר פאַרערגערט. אלכסנדריה איז געוואָרן דאָס וויגעלע פון דער אַנטיקער יידן־שנאה, וואָס איר פּראַזעאָלאָגיע און אידעאָלאָגישער באַזיס זיינען מערקווער־דיק ענלעך צום אַנטיסעמיטיזם אין די נייע און נייסטע צייטן. קעגן דער אַנטי־יידישער ליטעראַטור האָבן די מצרישע יידן אָנגעשריבן א סך אַפּאָלאָגעטישע ווערק, וואָס האָבן געדאַרפט פאַרטיידיקן דעם כבוד פון יידישן פאָלק און די ריכטיקייט פון זיין רעליגיע. דערביי האָט מען זיך נישט אָפּגעשטעלט פאַר גוזמאות, למשל — אז די יידן זיינען גע־ווען די שעפער פון דער גאַנצער וועלט־ציוויליזאציע און, אז בבלים, מצרים, פעניקער און גריכן זיינען זייערע שילער און נאָכמאַכער.

יידישע קהילות האָבן זיך פאַרשפּרייט איבער די שטעט

פון קליין־אזיע, עס זיינען אויפגעקומען באדייטנדיקע קיבוצים אין קירענאיקע (צפון־אפריקע) און אויפן אינדזל ציפערן. אביסל שפעטער האבן יידן זיך באזעצט אין גריכנלאנד און זיך באוויזן אויך אין איטאליע. די רוימישע הערשאפט האט לייכטער געמאכט זייערע וואנדערונגען און קאנטאקטן. פאר אלע גלות־יידן איז דער בית־המקדש פארבליבן דער הייליקער צענטער, און יעדער ייד האט יעדן יאר מנדב געווען פאר אים צו א האלבן שקל.

ג) יהודה אונטער דער מאכט פון רוים
(63 פ.ג.ע. — 135 נ.ע.)

אונטערגאנג פון דער חשמונאים־דינאסטיע

אנשטאט דעם שוואכן הורקנוס II האט פאקטיש רעגירט דער אדומי אנטיפאטראס, אונטערן שטרענגן פראטעקטאראט פונעם רוימישן פראקאנסול פון סיריע. איינער פון זיי, גאבינויס, האט אין 57 — 55 פ.ג.ע. געפרווט צעברעקלען דאס לאנד אויף פינף קליינע אריסטאקראטישע רעפובליקן מיט באזונדערע סנהדרינס בראש. די פאטריאטישע פארטיי האט נישט אויפגעהערט צו קעמפן קעגן די רוימישע משרתים. די אנהענגער פונעם דעטראניזירטן אריסטובול II האבן עטלעכע מאל אנגעהויבן אויפשטאנדן, בראש מיט אריסטובולס זון אלכסנדרן (57), מיט אריסטובולען גופא, וואס איז אנטלאפן פון רוים צוזאמען מיט זיין זון אנטיגנוס (56), ווידער מיט אלכסנדרן (55), מיטן חשמונאישן קריגספירער פיטאלאוס (53) — אבער די אלע מרידות האבן זיך

געענדיקט מיט מפּלות. עס זיינען אומגעקומען די מוטיקע אַריסתּובול II און אַלכּסנדר. אַנטיפּאַטראָס האָט אַקטיוו גע־האָלפן דעם רוימישן דיקטאַטאָר יוליוס צעזאַר, ווען יענער איז באַלאַגערט געוואָרן דורך די גריכן פון אַלכּסנדריה, און איז דורך אים נאָך מער דערהויבן געוואָרן. צעזאַר האָט זיך גינציק באַצויגן צו די יידן סיי אין יהודה, סיי אין אַנדערע לענדער; ער האָט אומגעקערט דער יידישער מלוכה יפו און געשיצט די רעכט פון די יידן אין קליין־אַזיע און סיריע.

אַנטיפּאַטראָס האָט צוגעצויגן צו דער פאַרוואַלטונג מיט יהודה זיינע זין פזאל און הורדוס. קעגן הורדוס און דער רוימישער מאַכט איז אויסגעבראָכן א נייע מרידה אין גליל בראש מיט חזקיהו; זי איז בלוטיק דערשטיקט געוואָרן. אין 43 יאָר איז אַנטיפּאַטראָס פאַרסמט געוואָרן. אַנטיגנוס האָט אין יאָר 42 געפּרוווט ארייגדריגנען אין גליל, איז אָבער אָפּ־געשטויסן געוואָרן דורך הורדוסן. הורדוס איז באַשטעטיקט געוואָרן דורך די רוימער ווי דער פאַרוואַלטער פון יהודה צוזאַמען מיט זיין ברודער פזאל. הורקונס II איז געבליבן בלויז כהן־גדול. אָבער באַלד האָבן די פּאַרטן, וואָס האָבן נאָך אין 129 צוגענומען מעסאָפּאָטאַמיע ביי די סיריער, אויסגענוצט א גינסטיקן מאָמענט, זיינען אריבער דעם פּרת און פאַרכאַפּט ביי די רוימער סיריע (40). אַנטיגנוס האָט זיך געווענדט נאָך זייער הילף, און א פּאַרטישער חייל האָט אים געבראַכט קיין ירושלים, פאַרטריבן די רוימישע אָנהענ־גער און געמאַכט אַנטיגנוסן פאַרן מלך. דאָס איז געווען דער לעצטער חשמונאישער מלך (40—37); זיין העברעישער נאָמען איז געווען מתתיהו. ער האָט אָפּגעשניטן די אויערן ביי זיין פעטער הורקונס II, כּדי יענער זאָל מער נישט טאָרן זיין כהן־גדול.

הורדוס איז אַנטלאָפן קיין רוים און דאָרט האָבן אים די מלוכה־פירער פון דער רוימישער רעפובליק, אַנטאָניוס און אָקטאַוויאַנוס פייערלעך געקרוינט פאַרן מלך פון יהודה. אין יאָר 39 האָט ער זיך אומגעקערט קיין יהודה און אָנגע־הויבן אַ מלחמה קעגן אַנטיגנוס. אַדאַנק דער רוימישער הילף איז אַנטיגנוס אין 37 יאָר צעקלאַפּט און געפאַנגען געוואָרן. די רוימער האָבן דעם לעצטן חשמונאישן מלך פאַרמשפּט צום טויט.

הורדוס

דער נייער מלך פון יהודה איז געווען אַ מוראדיקער טי־ראַן, אָבער זייער אַ פעיקער מלוכה־מאַן און דיפּלאָמאַט. ער האָט באַוויזן זיך צוצופּאַסן צו אַלע פּלוצלונגדיקע ענדערונגען פון דער רוימישער אָנפירונג אויף מזרח בעתן בירגער־קריג, וואָס האָט פאַרוואַנדלט רוים פון אַ רעפובליק אין אַן אימ־פּעריע. ווי אַ געטרייער וואַסאַל פון רוים, האָט ער נישט נאָר באַקומען אַ פולע זעלבשטענדיקייט אין אינעווייניקסטע ענ־ינים, נאָר די גרענעצן פון זיין מלוכה זיינען מער אויסגעברייטערט געוואָרן, ווי אין די חשמונאישע צייטן. ער האָט דורכגעפירט אַ גרויסע בויונג איבערן גאַנצן לאַנד: צוריקגע־שטעלט דעם צעשטערטן שומרון ווי אַ גריכן־שטאָט אונטערן נאָמען סעבאַסטע, אויסגעבויט אַ גרויסע שיינע שטאָט בייים ברעג ים — צעזאַרעע (קיסריה), אַ ריי פעסטונגען, אויס־געברייטערט ירושלים און אויפן אָרט פון דעם אַלטן און באַ־שיידענעם בית־המקדש פון דער פּערסישער תקופה אויסגע־בויט אַ נייעם פּראַכטיקן בית־המקדש, איינעם פון די שענ־סטע בנינים פון דער דעמאָלטיקער קולטור־וועלט. ער האָט

איינעם נאָכן אנדערן אומגעבראַכט די פארבליבענע מיטגלידער פון דער חשמנאים=משפחה, צווישן זיי דעם אַלטן הורקונס II און זיין אייגענע פרוי מרים, וואָס איז געווען אן אייניקל פון הורקונס II און אַריסתובול II. ער האָט אַכזריותדיק גערודפט די צדוקישע אריסטאָקראַטיע — די הויפט=שטיצע פון די חשמונאים — און באַלד נאָכן איינגעמען ירושלים האָט ער אומגעבראכט 45 מיטגלידער פונעם סנהדרין און זיי פארביטן מיט זיינע קרעאַטורן. אויפן אַמט פון כהן=גדול פלעגט ער באַשטימען אומבאַוווסטע מענטשן און שנעל זיי דעגראדירן. לויטן נאָמען פון איינעם פון זיי, ביתום (באָעטוס), איז אָנגערופן געוואָרן א נייע פארטיי — די ביתוסים, וואָס זיינען אין טעאָלאָגישע פראגן געווען נאָענט צו די צדוקים, אָבער להיפוך צו זיי פאָליטיש אונטערשטיצט הורדוסעס רעזשים. מיט די פרושים האָט הורדוס געוואָלט אָפהיטן גוטע באַציונגען, אָבער זיין טיראַניע, זיין אָפענע סימפּאַטיע צו דער גריכישער קולטור און זיין גרעסטע הכנעה פאַר רוים האָט אָפגעשטויסן פון אים סיי די פירער פון דער פרושים=פאַרטיי, סיי די ברייטע פאָלקסמאַסן. עס זיינען פאָרגעקומען ארויסטרעטונגען און דעמאָנסטראַציעס, וואָס פלעגן אכזריותדיק אונטערדריקט ווערן דורך הורדוסן. צום סוף פון הורדוס לעבן האָט זיין טיראניע אָנגענומען ממש א פאַטאַלאָגישן כאַראַקטער.

אין די צייטן פון הורדוסן זיינען די גייסטיקע פירער פון דער פרושים=פאַרטיי געווען די געזעץ=לערער הלל (א געקומענער פון בבל) און שמאי, וואָס זיינען זיך פונאַנדערגעגאַנגען אין דער אינטערפּרעטאַציע פון דער תורה און האָבן געלייגט דעם אָנהייב פון צוויי פראקציעס צווישן די געלערנטע פרושים: בית=הלל און בית=שמאי.

יהודה — א רוימישע פּראָווינץ

הורדוס איז געשטאָרבן אין 4 יאָר פ.ג.ע. ער האָט גע־האָט פאַרמשפּט צום טויט דריי זיינע זין. לויט זיין צוואה האָט ער צעטיילט זיין מלכות צווישן דריי פון זיינע פאַר־בליבענע זין: אַרכעלאַאָס האָט באַקומען דאָס אייגנטלעכע יהודה, אדום און שומרון, אַנטיפּאַס — גליל און עבר־הירדן, פיליפּוס — בשן און אַנדערע געביטן אין צפון־עבר־הירדן. אַרכעלאַאָס איז אין יאָר 6 נ.ע. אראָפּגעזעצט געוואָרן דורכן רוימישן קייסער אויגוסטוס אויפן סמך פון אַן אָנקלאַגע פון זיינע יידישע און שומרונישע אונטערטאַנען. דער וויכטיק־סטער טייל פון יהודה איז געוואָרן א רוימישע פּראָווינץ בראש מיט א קייסערלעכן פּראָקוראַטאָר מיט דער רעזידענץ אין קיסריה. די אַנדערע צוויי טעטראַרכיעס (פירשטנטימער) זיינען פאַרבליבן אונטערן רוימישן פּראָטעקטאָראַט. די דיר־רעקטע רוימישע פאַרוואַלטונג האָט געבראַכט צו א העכע־רונג פון שטייערן און צו כלערליי אויספּרעסונגען פון די פּראָקוראַטאָרן, וואָס האָבן זיך אָפט געביטן און געטראַכט וועגן וואָס שנעלער זיך צו באַרייכערן אויפן חשבון פון דער פּראָווינץ. ס'האָט זיך אָנגעהויבן א פאַרשטאַרקטע עמיגראַ־ציע, באַזונדערס קיין קליין־אַזיע. ביי די, וואָס האָבן נישט געוואָלט פאַרלאָזן דאָס לאַנד, זיינען געוואַקסן די שטימונגען פון קאַמף קעגן די רוימער. שוין אין די צייטן פון אַרכעלאַאָס האָבן זיך געשאַפן אויפשטענדלערישע אָפּטיילונגען. דער באַ־דייטנדיקסטער פירער פון די פּאַטריאָטישע קעמפער איז גע־ווען יהודה פון גליל (זון פון חזקיהו, וואָס האָט געקעמפט קעגן די רוימער און הורדוסן אין 42 פ.ג.ע.). ער האָט גע־גרינדעט אין יהודה א נייע פּאַרטיי — די קנאים, פאַנאַטישע

קעגנער פון די רוימער און פון זייערע יידישע מיטהעלפער, וואָס האָבן זיך געשטעלט פארן אומבאַדינגטן ציל אויסצו⸗
קעמפן די פולע אומאָפהענגיקייט פון יהודה. פּאָליטיש האָבן
זיי ממשיך געווען, נאָך א הפסקה, די ליניע פון דער אויסגע⸗
ראָטעטער חשמונאישער משפחה, אָבער אידעאָלאָגיש און
סאָציאל האָבן זיי שטאַרק זיך אונטערשיידט פון זיי. אין
רעליגיעזן זין זיינען זיי געשטאַנען אויף פרושישע פּאָזיציעס,
און דערביי געווען נאָענט צום האַרטנעקיקן, עקסטרעמיס⸗
טישן בית⸗שמאי, בשעת ווען דער מילדערער בית⸗הלל, וואָס
איז געווען ווייכער אין אינעווייניקסטע פראגן, איז אויך מער
געווען נוטה צו אַ פשרה אין דער באַציונג צו דער אָקופּאַנ⸗
טישער מאַכט. להיפוך צו דער אַריסטאָקראַטישער סביבה
פון די אַמאָליקע חשמונאים האָבן זיך די קנאים וועררבירט
פון פאָלק, פון דער אַרבעטנדיקער, דער עיקר פויערישער באַ⸗
פעלקערונג. ווי די פרושים, האָבן די קנאים גישט געהאַלטן פון
דער מאָנאַרכישער מאַכט און זיך פאָרגעשטעלט די קומענ⸗
דיקע יידישע מלוכה ווי א מין רעפּובליק אונטער דער נאָמי⸗
נאַלער הערשאפט פון גאָט. אָבער צום אונטערשייד פון די
פרושים, וואָס האָבן געהאָפט אויף משיחן, האָבן די קנאים
געוואָלט דערגרייכן עס מיט די אייגענע הענט. ווי ס'האָט
באוויזן זייער קורצע אָנפירונג מיטן פאָלק בעתן גרויסן אויפ⸗
שטאַנד קעגן רוים, זיינען פאר זיי ריין⸗רעליגיעזע און ריטו⸗
עלע פראגן אין תוך געגומען געשטאַנען אויפן צווייטן פּלאַן.
די גאנצע צייט פון דער דירעקטער רוימישער פאַרוואַלטונג
איז פול געווען מיט אומאויפהערלעכע ארויסטרעטונגען פון
די פאַרטיזאנישע קנאים⸗אָפּטיילונגען (וועלכע די רוימער
האָבן, נאַטירלעך, אָנגערופן „רויבער“) קעגן רוימישע

גאַרניזאָנען און מיט טעראָר־אַקטן קעגן די יידישע קאָלאַבאָ־ראַנטן מיט רוים.

אין יאָר 34 פ.ג.ע. איז געשטאָרבן פיליפוס און זיין טעט־ראַרכיע איז אריבער צו רוים. אָבער שוין אין יאָר 37 פון דער נייער ערע איז זי איבערגעגעבן געוואָרן צו א צווייטן מיטגליד פון דער הורדוס־דינאַסטיע, דעם אייניקל פון הור־דוס און דער חשמונאעריז מרים, אגריפּס I, אַ פאַוואָריט פון דעם רוימישן קיסר גאַיוס קאַליגולאַ. אין יאָר 39 איז אנטיפּס אַראָפּגעזעצט און פאַרשיקט געוואָרן און זיין טעט־ראַרכיע איז אויך אריבער צו אַגריפּס. דער קייסער קלווידיוס האָט אין 41 יאָר איבערגעגעבן אַגריפּסן אויך די רוימישע פּראָווינץ יהודה און שומרון. ער איז צוריק געוואָרן דער וואַ־סאַלער מלך איבערן גאַנצן מלכות פון זיין זיידן. אגריפּס האָט פארשטאַנען צו געווינען די סימפּאַטיעס פון די יידן סיי אין יהודה, סיי אין מצרים; ביי זיין פּראַכטיקער קבלת־פּנים דורך די יידן פון אלכסנדריה אין 38 יאָר איז געקומען צו צוזאמענשטויסן מיט די גריכן, וואָס האָבן אָר־גאַניזירט אן אָפּשפּאָטנדיקע קעגן־דעמאָנסטראציע. די יידן האָבן אין אים געזען א יורש פון די חשמונאים (פון זיין באָ־בעס צד). אין זיין צייט איז אינגאַנצן פארענדיקט געוואָרן דער נייער בית־המקדש פון הורדוס (דער באַקאַנטער כותל מערבי שטאַמט פון זיין צייט). ער איז געשטאָרבן אין 44 יאָר און זיין מלכות איז ווידער געוואָרן א רוימישע פּראָ־ווינץ, מיטן אויסנאַם פון דער אַמאָליקער טעטראַרכיע פון פיליפוס און אייניקע שכנישע ראַיאָנען, וואָס זיינען אין 48 יאָר איבערגעגעבן געוואָרן דעם זון פון אגריפּס I — אגריפּס דעם II — דעם לעצטן רעגירנדיקן פאָרשטייער פון דער הורדוס־דינאַסטיע (געשטאָרבן אין יאָר 96).

ווען קיין יהודה האָבן זיך אומגעקערט די רוימישע פּראָ-
קוראַטאָרן, איז די לאַגע געוואָרן מיט יעדן יאָר אַלץ גע-
שפּאַנטער און די אַגיטאַציע פון די קנאים האָט געווונען אַלץ
מער אָנהענגער. דער רוימישער דרוק איז געוואָרן אַלץ אומ-
דערטרעגלעכער און אַן אויסברוך איז געוואָרן אַלץ אומ-
פאַרמיידלעכער.

יידן אין דער רוימישער אימפּעריע

אין 30 יאָר פּ.נ.ע. איז די לעצטע העלעניסטישע מלוכה, מצרים, געוואָרן אַ רוימישע פּראָווינץ. איצט האָבן אַלע יידן, חוץ די בבלישע, זיך געפונען אונטער דער יוריסדיקציע פון רוים. אין 1 י"ה פון דער נייער ערע האָט מען די צאָל יידן אין מצרים אָפּגעשאַצט אויף אַ מיליאָן (די אַלגעמיינע באַפעל-קערונג פון מצרים האָט דאַן באַטראָפן אַן ערך 7 מיליאָן). זייער וויכטיקסטער צענטער איז פאַרבליבן אַלכסנדריה, ווו די רוימישע מאַכט האָט גאַראַנטירט די יידן סיי די בירגער-לעכע גלייכבאַרעכטיקונג מיט די גריכן, סיי אַן אינעווייניק-סטע אויטאָנאָמיע בראש מיט אַן אייגענעם עלטסטע-ראַט און עטנאַרך. די רוימער האָבן לכתחילה געהאַט מער צוטרוי צו די יידן, איידער צו די גריכן פון מצרים. אין דער רוימי-שער צייט האָט די פּריווילעגירטע לאַגע פון די מצרישע יידן, זייער גרויסער אָנטייל אין פינאַנסיעלן און קאָמער-ציעלן לעבן פון מצרים, אַ פאַרשאַרפטע קאָנקורענץ צווישן ביידע פירנדיקע פעלקערשאַפטן אין מצרים (די איינגעבאָרע-נע מצרים האָבן געשפּילט אַ קנאַפּע ראָל) דערבראַכט צו אַ געוואַלדיקן וווקס פון אַנטי-יידישע שטימונגען. אין 38 יאָר איז אין אַלכסנדריה אויסגעבראָכן אַ גרויסער אַנטי-יידישער

פּאָגראָם, בעת וועלכן די יידן האָבן געשטעלט אן ענערגישן אַקטיוון ווידערשטאַנד. ערשט דער קייסער קלוידיוס האָט אין 41 יאָר ליקווידירט די אומרועז און פארמשפּט צום טויט זייערע צוויי אָנפירער. אין יענער צייט האָט אין אלכסנדריה געלעבט און געשאַפן דער באַרימטער יידישער פילאָסאָף פילאָן, וואָס האָט אין א ריי גריכיש־געשריבענע ווערק גע־פּרוווט געבן א סינטעז פון דער יידישער רעליגיע מיט דער גריכישער — באַזונדערס פּלאַטאָנישער — פילאָסאָפיע.

אין דער זעלבער צייט איז געוואַקסן די יידישע צעשפּריי־טונג אין אַנדערע רוימישע פּראָווינצן און אין דער הויפּט־שטאָט רוים גופא. די יידישע רעליגיע האָט באקומען א היפּ־שע השפּעה אויף פארשיידענע קרייזן פון דער רוימישער גע־זעלשאפט, ווו ס'איז גראָד שטאַרק פאַרשפּרייט געווען אַ פּאַר־אינטערעסירונג מיט בלערליי מזרח־קולטן. עס איז געוואַקסן די צאָל גאַנצע און האַלבע גרים, און ס'איז זייער מעגלעך, אז דער פּראָצעס פון פּראָזעליטיזם (אָננעמען דעם יידישן גלויבן) האָט געשפּילט אַ וויכטיקע ראָל אין דעם וווקס פון דער יידישער באפעלקערונג. אָריענטירמעסיק קען מען אָפּ־שאַצן די יידישע באַפעלקערונג אין אַנדערע רוימישע פּראָ־ווינצן אויף לפּחות א מיליאָן. צו א מיליאָן יידן האָבן מסתמא געלעבט אין פּאַלעסטינע און אין בבל. אזוי אַרום האָט דאָס גאַנצע יידישע פאָלק ערב דעם גרויסן אויפשטאַנד קעגן רוים געקענט באַטרעפן ביי פיר מיליאָן — נישט קיין קליינער צי־פער אין יענע צייטן, ווען איטאַליע, למשל, האָט געציילט א פּופּצן מיליאָן און די גאַנצע ריזיקע רוימישע אימפּעריע — ביי 70 מיליאָן. ס'ליינט זיך שטאַרק אויפן שכל, אז צווישן די באַזונדערע יידישע קיבוצים האָט עקזיסטירט נישט נאָר קולטורעלע, נאָר אויך קאָמערציעלע באַציונגען, און אז דאָס

פּעריאָדישע עול־רגל זיין קיין ירושלים האָט סטימולירט און רעגולירט נישט בלויז די קולטור־ און רעליגיעזע פאַרהעלטע־נישן, נאָר אויך די קעגנזייטיקע האַנדלס־פאַרבינדונגען צווישן די באַזונדערע יידישע ישובים.

דער אויסברוך פונעם גרויסן אויפשטאַנד

אין יאָר 66, ווען דער פּראָקוראַטאָר פון יהודה איז געווען געסיוס פלאָרוס — אַ זעלטענער מנוול אפילו צווישן דער פינצטערער ריי פון די ביזאַנטיקע רוימישע רעגירער פונעם לאַנד — האָט זיך דאָס געדולד פון די יידן אויסגעשעפּט, און דער פּראָקוראַטאָר, פון זיין זייט, האָט אליין זיך באַמיט זיי צו פּראָוואָצירן אַ בונט, כדי צו האָבן אַ גרונט פאַר נייע שרעקלעכע רעפּרעסיעס. דער אויסברוך איז ארויסגערופן געוואָרן דורך אַנטי־יידישע עקסצעסן מצד דער גריכישער מערהייט פון דער שטאָט קיסריה, דער רעזידענץ פונעם פּראָקוראַטאָר. ס'איז געקומען צו בלוטיקע גאַסן־קאַמפן צווישן יידן און גריכן. פלאָרוס האָט עס אויסגענוצט, כדי אריינצוגיין מיט זיינע זעלנער קיין ירושלים, וווּ ער האָט אָרגאַניזירט רויבערייען און מערדער־אַקטן. דאָס פאָלק פון ירושלים איז ארויס אין קאַמף און צוריקגעשטויסן די רוימער פון דער שטאָט (מאַי 66). דער מלך אגריפּס II האָט געפּרוווט אָפּווענדן דאָס פאָלק פון ממשיך זיין דעם אויפשטאַנד, אָנווייזנדיק אים אויף דער קאָלאָסאַלער מאַכט פון דער רוימישער אימפּעריע, אָבער מען האָט נישט געפאָלגט זיין עצה. די קנאים האָבן באַשלאָסן צו קעמפן ביזן פולן נצחון. זיי האָבן געהאָפט, אז דער אויפשטאַנד פון יהודה וועט דינען פאַר אַ ביישפּיל פאַר אַנדערע פּראָווינצן אין

מזרח און מערב, וואָס וועט בינדן די רוימישע כוחות, און דער עיקר — אויף דער הילף פון זייערע בבלישע ברידער און אויף דער אריינמישונג פון דער גאַנצער מלוכה פון די פּאַרטן. זייערע דערוואַרטונגען זיינען אָבער נישט מקוים געוואָרן, הגם א געוויסע צאָל יידן פון בבל זיינען געקומען צו הילף די יהודישע אויפשטענדלער.

אַלע קרייזן פון פאָלק זיינען געווען אויפגעבראַכט אויף פלאָרוסן. אָבער די מעסיקע קרייזן פון דער אריסטאָקראַטיע האָבן געוואָלט, אז די געשעענישן זאָלן טראָגן דעם כאַראַקטער פון א פּראָטעסט בלויז קעגן דער שלעכטער אַדמיניסטראַציע פון פלאָרוסן פערזענלעך און נישט פון אַ מרידה קעגן דער רוימישער קייסערלעכער הערשאַפט בכלל. אָבער געזיגט האָט די עקסטרעמיסטישע ריכטונג, צו וועלכער עס האָבן זיך אָנגעשלאָסן א סך אָנגעזעענע כהנים. לויטן פּאָרשלאַג פון איינעם פון זיי, אלעזר בן חנניה, האָט מען אינעם בית=המקדש אויפגעהערט צו ברענגען קרבנות אין נאָמען פונעם קייסער. דאָס האָט באַטייט אן אָפענע אָפּפאַלונג פון רוים. צווישן די פּאַרטייען פון שלום און מלחמה זיינען אויסגעבראָכן באַוואָפנטע קאַמפן. מיט דער הילף פון פרישאָנגעקומענע פּראָווינציעלע קנאים האָבן די עקסטרעמיסטן געזיגט איבער די שלום=אָנהענגער, וואָס זיינען אונטערגעשטיצט געוואָרן דורך א רוימישן גאַרניזאָן און אן אָפּטיילונג, צוגעשיקט דורכן מלך אגריפּס II. אָבער נאָך דעם דאָזיקן נצחון איז ווידער געקומען צו א שלאַכט צווישן די עקסטרעמיסטישע טעראָריסטן, די א״ג סיקריקין, בראש מיט מנחם, דעם לעצטן זון פון יהודה הגלילי, און דעם מעסיקערן פליגל פון די קנאים, בראש מיט אלעזר בן חנניה. געזיגט האָבן די לעצטע.

דער רוימישער גרויסהערשער פון סיריע צעסטיוס גאַ־לוס איז דעמלט ארוים קעגן ירושלים מיט א רוימישן לע־גיאָן און הילפס־אָפּטיילונגען (בתוכם פון אגריפּס II, וואָס איז די גאַנצע צייט געשטאַנען אויף דער זייט פון רוים). אָבער דער רוימישער חייל איז געשלאָגן געוואָרן אונטער די מויערן פון ירושלים און שפּעטער נאָכאַמאָל, ביי זיין צוריק־מאַרש, ביי בית־חורון, וו עס איז אויף אים אָנגעפאלן א קנאישע אָפּטיילונג בראש מיט שמעון בר־גיורא. די נצחו־נות איבער די ביז איצט אומבאַזיגלעכע רוימער האָט ארויס־גערופן א ריזיקן ענטוזיאזם. איצט האָט זיך דאָס גאַנצע פאָלק געשטעלט אונטער די פאָנען פון אויפשטאַנד. יהודה איז געוואָרן אָפּגערייניקט פון די רוימער.

אָבער די יידישע נצחונות האָבן טייער געקאָסט די יידי־שע מיעוטים אין שטעט מיט אַ גריכישער מערהייט. דאָס מאָל מיט דער פולער דערלויבעניש און ביי אַ דירעקטער מיטהילף פון די רוימער זיינען אין קיסריה, אלכסנדריה, דמשק, סקיטאָפּאָלים (בית־שאן) און אַנדערע שטעט פאָר־געקומען מאַסן־שחיטות פון דער יידישער באַפעלקערונג. די פּאַלעסטינער יידן האָבן, פון זייער זייט, זיך נוקם געווען אין די איינוווינער פון די גריכישע שטעט אין יידישע ראַיאָנען פון יהודה.

מלחמה מיט רוים און בירגערקריג

נאָכן נצחון איבער צעסטיוס גאַלוס האָט דער סנהדרין אָפיציעל איבערגענומען די סוווערענע מאַכט איבער יהודה און געשאַפן אַ קאָאַליציע־רעגירונג מיטן אָנטייל פון דער

צדוקישער כהנים־אַריסטאָקראַטיע און פון די אָנגעזעענסטע פירער פון די פּרושים. די רעגירונג האָט אַרויסגעשיקט אַ ־רע קאָמיסאַרן אין אַלע קרייזן פון יהודה און געהייסן זיי זיך צוגרייטן צו מלחמה. אויפן וויכטיקסטן פראָנט, דעם צפונ־דיקן — קיין גליל — איז געשיקט געוואָרן אַ יונגער געביל־דעטער פּרושי יוסף בן מתתיהו הכהן. אָבער די רעוואָלו־ציאָנערע קנאים־באַוועגונג האָט נישט געהאַט קיין צוטרוי צו דער נייער אַריסטאָקראַטישער רעגירונג. זייערע קריגס־אָפּ־טיילונגען האָבן קנאַפּ אָנערקענט די רעגירונגס־קאָמיסאַרן. יוסף האָט אין גליל געהאַט אַ סך שוועריקייטן מיטן פירער פון די דאָרטיקע קנאים יוחנן בן לוי פון דער שטאָט גוש־חלב. דערווייל איז אין אָנהייב 67 יאָר באַשטימט געוואָרן אַ נייער הויפּטקריגספירער פון די רוימישע כוחות אויף מזרח: דער געניטער אַלטער זעלנער ווֶעספּאַסיאַנוס (אין יידישע מקורים אספּסינוס). ער האָט געהאַט אונטער זיין אָנפירונג פולע דריי רוימישע לעגיאָנען און אַ סך הילפס־אָפּ־טיילונגען, צוזאַמען אַן ערך 60.000 זעלנער. פאַר זיין פּאַרטנע־טער האָט ער געמאַכט זיין עלטערן זון טיטוס, און דער שעף פון זיין גענעראַל־שטאַב איז געווען אַ יידישער רענעגאַט פון אַלכסנדריה, טיבעריוס יוליוס אַלכסנדר, אַ פּלימעניק פון ־נעם פילאָסאָף פילאָן; ווי דער פּרעפעקט פון אַלכסנדריה האָט ער שוין געהאַט אויף זיין געוויסן טויזנטער אויסגעהרגעטע יידן בעת דער שחיטה פון סוף פאַריקן יאָר. אַגריפּס II איז אויך געווען אינעם רוימישן לאַגער, און זיין שיינע שוועסטער בערעניקע איז געוואָרן די געליבטע פון טיטוס.

יוסף האָט שוואַך פּאַרטיידיקט גליל קעגן דעם רוימישן אָנגריף. נאָר אין דער פעסטונג יודפת האָט ער אָרגאַניזירט

א פּאַרעקשנטן ווידערשטאַנד. נאָך א לאַנגער העלדישער פּאַרטיידיקונג איז יודפת געפאַלן. די לעצטע פּאַרטיידיקער האָבן באַשלאָסן צו באַגיין זעלבסטמאָרד. יוסף איז אויף א געשיקטן אופן געבליבן לעבן און זיך אונטערגעגעבן די רוימער. ער האָט פאָרויסגעזאָגט וועספּאַסיאַנוסן די קייסערלעכע קרוין און געוואונען זיין חסד. בלייבנדיק אַ פרומער ייד און א פּאַרטיידיקער פון יידישן כבוד קעגן די יודאָפאָבישע שרייבער, איז ער גלייכצייטיק געוואָרן אן איבערגעגעבענער אָנהענגער פון רוים און האָט גערופן די אויפשטענדלער צו קאַפּיטולאַציע. וועספּאַסיאַנוס האָט אים געמאַכט פאַר א רוימישן בירגער, און ער איז באַקאַנט געוואָרן אונטערן נאָמען פלאַוויוס יוספוס ווי א טאַלענטירטער היסטאָריקער, וואָס האָט אין זיינע גריכיש-געשריבענע ווערק „יידישע מלחמה“, „יידישע אלטערטימער“, „קעגן אַפּיאָן“ און „לעבנסבאַשרייבונג“ געגעבן אַ גרויסן און אויסערגעוויינטלעך ווערטפולן מאַטעריאַל סיי וועגן דעם גרויסן אויפשטאַנד, סיי וועגן פריערדיקע יאָרהונדערטער פון דער יידישער געשיכטע.

יוחנן מגוש-חלב איז אַנטלאָפן קיין ירושלים און דאָרט אָנגעהויבן א העפטיקן קאַמף קעגן דער אַריסטאָקראַטישער רעגירונג. גראָד איז אראָפּגעוואָרפן געוואָרן דער רוימישער קייסער נעראָן און אין רוים איז אַוועק אַ קאַמף צווישן פּרעטענדענטן אויף זיין אָרט. אויך וועספּאַסיאַנוס האָט זיך אין אים אריינגעצויגן און צייטווייליק נישט אַטאַקירט ירושלים; אגב האָט ער מיט באַפרידיקונג זיך צוגעקוקט צום בירגערקריג אין דער שטאָט. מיט דער הילף פון די ספּעציעל גערופענע קריגערישע אדומים האָט יוחנן באַהערשט די שטאָט און געמאַכט אַ שרעקלעכע הריגה פון דער יידישער אַריסטאָ-

קראַטיע. די רעגירונג פון יהודה און די פּאָרשטייער פון די אָנגעזעענסטע משפּחות זיינען אויסגעראָטן געוואָרן (68). יוחנן האָט איינגעשטעלט אין ירושלים א רעזשים פון רעוואָ־לוציאָנערער דיקטאַטור. דעם כהן־גדול האָט מען אויסגע־קליבן נישט פון צווישן א קליינער צאָל אָנגעזעענע משפּחות, נאָר לויטן גורל פון צווישן אלע יידן פון כהנישן אָפּשטאַם. אַזוי איז פאַרן לעצטן כהן־גדול אין דער יידישער געשיכטע אויסגעקליבן געוואָרן א געוויסער פּנחס, א פּשוטער פּויער פון א קליינעם דערפל. אין 69 יאָר האָט זיך פאר ירושלים באַוויזן דער זיגער פון צעסטיוס גאַלוס, שמעון בר־גיורא בראש פון עקסטרעמיסטישע קנאישע אָפּטיילונגען, וואָס האָבן געקעמפט מיט די רוימער אין דרום־טייל פון יהודה; אין בר־גיוראס רייען זיינען אויך געווען א סך שקלאַפן. יוחננס קעגנער האָבן געעפנט די טויערן פאר די אָפּטיילונגען פון שמעון בר־גיורא און ער האָט פארכאַפּט די א"ג אויבער־שטע שטאָט. יוחנן איז געבליבן אין דער אונטערשטער שטאָט, און דער באַפעסטיקטער הר־הבית האָט זיך געפונען אין די הענט פון א דריטער פראקציע קנאים בראש מיט **אלעזר בן שמעון**; אָבער יוחנן האָט פארכאַפּט דעם הר־הבית און אלעזר מיט זיינע לייט זיינען אריינגעגאַנגען אין זיין חייל. צווישן יוחנן און שמעון זיינען געגאַנגען אומאויפ־הערלעכע גאַסן־קאַמפן, בעת וועלכע עס זיינען פארברענט גע־וואָרן די גרויסע תבואה־מאַגאַזינען, וואָס זיינען צוגעגרייט געוואָרן דורך דער פריערדיקער רעגירונג. דערווייל האָבן רוי־מער, בראש פון וועלכע עס איז דאַן געשטאַנען טיטוס, פאר־ענדיקט די דעראָבערונג פון גאַנץ יהודה און האָבן זיך אין אָנ־הייב 70 קאָנצענטרירט ארום ירושלים.

באַלאַגערונג און חורבן פון ירושלים

ערשט אין אָנבליק פון דעם שונא האָבן ביידע פראקציעס געמאַכט א סוף צום ברודער=קאַמף. יוחנן מגוש=חלב און שמעון בר=גיורא האָבן שלום געמאַכט און צעטיילט צווישן זיך די העכסטע אָנפירונג. ירושלים איז געווען מעכטיק באַפעסטיקט. דער רעליעף פון געגנט האָט דערלויבט צו שטורעמען די שטאָט נאָר פון צפון, און דאָרט זיינען געשטאַנען דריי רייען שטאַרקע מויערן. צענדליקער טויזנטער העלדישע יידישע קריגער זיינען געשטאַנען אויף די מויערן אָפּצושלאָגן די רוימישע אָנגריפן. די שטאָט איז אָבער געווען איבערבאַפעלקערט, ס'האָבן זיך דאָרט פאַרזאַמלט פליטים פונעם גאַנצן לאַנד, און אין שטאָט האָט זיך אינגיכן אָנגעהויבן א הונגער. די יידישע קריגער האָבן געשטעלט אַ האַרטנעקיקן ווידערשטאַנד דער רוימישער ארמיי, וואָס איז געווען פאַרזאָרגט מיט מלחמה=מאַשינען. נאָך 14 טעג פאַרביסענע שלאַכטן איז געפאַלן דער ערשטער מויער (מאי 70). מיט פינף טעג שפּעטער האָבן די רוימער געגומען דעם צווייטן מויער. טיטוס האָט דורך פלאַוויוס יוספוסן גערופן די פאַרטיידיקער צו קאַפּיטולירן, זיי האָבן זיך אָפּגעזאָגט. דאַן האָבן די רוימער אָנגעהויבן צו קרייציקן אַלעמען, ווער ס'איז צוליב הונגער אַנטלאָפן פון דער שטאָט. אין שטאָט איז געוואָרן א גרויסע הונגער=שטאַרביקייט. טיטוס האָט דורכגעבראָכן דעם מויער פון דער פעסטונג אַנטאָניע, וואָס איז פאַרטיידיקט געוואָרן דורך יוחנן מגוש=חלב; אָבער די יידן האָבן דערווייל באַוויזן אויסצובויען א נייעם מויער. ערשט אין יולי 70 איז געפאַלן אַנטאָניע. איצט זיינען די קאַמפן געגאַנגען דירעקט ארום דעם בית=המקדש. די קנאים האָבן רעקווירט די צוגעגרייטע

קרבנות כדי צו שפייזן די זעלנער, האָבן זיך אויפגעהערט צו רעכענען מיט דער הייליקטום פונעם בית־המקדש און געקוקט אויף אים נאָר ווי אויף א מיליטערישן אָביעקט. ס׳האָט זיי אויך נישט דערשראָקן די רוימישע דראָונג צו פארניכטן דעם בית־המקדש. אין אויגוסט 70 איז דער בית־המקדש אונטער־געצונדן געוואָרן און זיינע פארטיידיקער צוזאמען מיט דער באַהאַלטענער אין אים ציוויל־באַפעלקערונג זיינען אומגעקו־מען. יוחנן מגוש־חלב און א גרופע קריגער האָבן זיך דורכ־געריסן דורך די רוימישע חיילות און זיינען אריין אין דער אויבערשטער שטאָט, ווו עס האָט זיך נאָך פארטיידיקט שמעון בר־גיורא. אין סעפטעמבער 70 האָבן די רוימער באַ־וויזן איינצונעמען אויך די אויבערשטע שטאָט. אַ קליינע צאָל קנאים, וואָס האָט זיך באַהאַלטן אין אונטערערדישע הייל, האָבן זיך געמוזט אונטערגעבן צוליב הונגער, צווישן זיי ביי־דע אָנפירער פון דער פארטיידיקונג — יוחנן מגוש־חלב און שמעון בר־גיורא. די שטאָט איז צעשטערט געוואָרן, מיטן אויסנאַם פון דריי טורעמס, וואָס איינער פון זיי, דער טורעם פזאל (אָנגערופן אזוי דורך הורדוסן לכבוד זיין ברודער), שטייט נאָך עד היום אין דער אַלטשטאָט פון ירושלים, לעבן דעם יפו־טויער, און ווערט פאַלש אָנגערופן „מגדל דוד“, און א טייל פון די באפעסטיקונגען פונעם הר־הבית (כותל־מערבי). יוחנן, שמעון און עטלעכע הונדערט געפאַנגענע, צוזאמען מיט די הייליקע כלים פונעם בית־המקדש, האָט מען געפירט הינטער טיטוסן און וועספאַסיאַנוסן אין זייער טריומף־צוג קיין רוים (71). שמעון איז אין יענעם טאָג דער־הרגעט געוואָרן און יוחנען האָט מען אויף אייביק ארייננגע־וואָרפן אין תפיסה. מאַסן יידן זיינען פארקויפט געוואָרן אין שקלאַפעריי.

אין די יידישע הענט זיינען נאָך פאַרבליבן דריי פעסטונ־גען: הורדיון, מאַכיירוס און מצדה. אויך זיי זיינען איינע נאָך דער אַנדערער געגומען געוואָרן דורך די רוימער. אַמ־לענגסטן האָט זיך פאַרטיידיקט **מצדה** (ביים ים־המלח) בראש מיט **אלעזר בן יאיר**. נישט קענענדיק לענגער אויס־האַלטן, זיינען די פאַרטיידיקער פון מצדה באַגאַנגען זעלבסט־מאָרד (אַפּריל 73). די זעקסיאָריקע בלוטיקע מלחמה האָט זיך פאַרענדיקט.

יהודה נאָך דער מפּלה

דאָס לאַנד האָט איבערגעלעבט דעם גרעסטן חורבן זינט די טעג פון נבוכדנצר. די לעצטע שפּורן פון דער יידישער אויטאָנאָמיע, ווי דער סנהדרין, זיינען ליקווידירט געוואָרן. די יידישע באַפעלקערונג איז שטאַרק קלענער געוואָרן. א סך ערד איז איבערגעגעבן געוואָרן רוימישע און גריכישע קאָלאָ־ניסטן. יהודה איז אריבער אונטער א מיליטערישער פאַר־וואַלטונג. נאָכקלאַנגען פונעם אויפשטאַנד האָבן זיך נאָך גע־לאָזט הערן אין אלכסנדריה, ווו אַנטלאָפענע קנאים האָבן אַרויסגערופן אומרוען, וואָס זיינען תיכף אונטערגעדריקט גע־וואָרן. וועספּאַסיאַנוס האָט אין דריי יאָר נאָכן חורבן בית־שני, אין 73, געהייסן פאַרמאַכן אויך דעם יידישן בית־המקדש אין לעאָנטאָפּאָלים (בית חוניו). אָבער קיין באַזונ־דערע דיסקרימינאַציע פון יידן און קיין רעליגיעזע פאַרפאָל־גונגען זיינען נישט פאָרגעקומען. דער איינציקער מאָסמיטל, וואָס איז אָנגעווענדט געוואָרן נאָר לגבי יידן אין דער גאַנצער אימפּעריע, איז געווען דאָס יערלעכע אויפמאָנען דורך די

רוימער פון די צוויי דראַכמעס (איין שקל), וואָס די יידן פלעגן פאַרן חורבן צאָלן לטובת דעם בית־המקדש; איצט איז אָט דער שטייער געוואָרן אָבליגאַטאָריש און איז געגאַנגען פאַרן טעמפּל פון יופּיטער קאַפּיטאָלינוס אין רוים. דאָס האָט זייער באַליידיקט די נאַציאָנאַלע און רעליגיעזע געפילן פון די יידן.

אין דער יידישער געזעלשאַפט איז פאָרגעקומען א טיפע אידעאָלאָגישע איבערגרופּירונג. די צדוקים־פּאַרטיי האָט נישט איבערגעלעבט דעם קלאַפּ, וואָס זי האָט באַקומען מצד די קנאים בשעתן אויפשטאַנד. דאָס אָפּשאַפן פון דער עבודה אין „בית־המקדש האָט צוגענומען די באַזע ביים כה־נימטום, פון וועלכן עס האָבן זיך דאָס רוב רעקרוטירט די צדוקים. די אסיים האָבן פאַרלאָרן זייערע מדבר־באַהעלטע־נישן, וואָס זיינען פאַרוויסט געוואָרן דורך די רוימער בעת דער מלחמה. די גרויסע אַנטוישונג נאָך דער מפּלה פונעם אויפשטאַנד, אין וועלכן פיל פון זיי האָבן גענומען אן אק־טיוון אָנטייל, האָט זיי משפּיע געווען אינגאַנצן מוותר צו זיין אויפן נאַציאָנאַלן עלעמענט אין דער יידישער רעליגיע און צו אַקצענטירן איר אַלמענטשלעכן כאַראַקטער, איר כוונה צו ראַטעווען די נשמה פון יעדן יחיד באַזונדער. דער קאָסמאָפּאָליטישער כאַראַקטער פון דער רוימישער אימפּע־ריע האָט שטאַרק צוגעהאָלפן צו דעם. שוין פריער האָבן די אסיים געהאַלטן זיך פאַר תלמידים פון א געהיימנישפולן מורה צדק („גערעכטן לערער"), וואָס איז גערודפט געוואָרן דורך א כהן הרשע. איצט האָט אָט די געשטאַלט אָנגענומען אינגאַנצן א לעגענדאַרן כאַראַקטער, אויסגעפּוצט געוואָרן מיט עלעמענטן פון דער אַלט־כנענישער רעליגיע וועגן דעם שטאַרבנדיקן און ווידער־אויפשטייענדיקן גאָט, וועלכע זיינען

קיינמאָל ביזן סוף נישט אויסגעלאָשן געוואָרן צווישן דער באַפעלקערונג פון פּאַלעסטינע, און אזוי איז געשאַפן געוואָרן די קריסטוס־לעגענדע. פון די אסיישע קרייזן האָט זיך אויס־געפורעמט א נייע רעליגיע, דאָס קריסטנטום, וואָס האָט מיט דער צייט אינגאַנצן זיך קאָנצענטרירט אויף פּראָפּאַ־גאַנדע אין נישט־יידישע סביבות פון דער אימפעריע. אַראָנק דעם אָפּוואַרפן די יידישע דינים, וואָס האָבן אָפּגעשטויסן פרעמדע (מילה, כשרות, שבת־רו אא"וו), האָט די פּראָפּאַ־גאַנדע געהאַט מער דערפאָלג, ווי די יידישע רעליגיעזע השפּ־עה פאַרן אויפשטאַנד. די קריסטלעכע טראַדיציע פאררעכנט דעם לעגענדאַרן גרינדער פון דער קירך און זיינע ערשטע אָנהענגער צום אָנהייב פון I י"ה, אָבער דאָס שטימט נישט מיט דער ווירקלעכקייט. די ערשטע ידיעות וועגן קריסטן שטאַמען פונעם אָנהייב פון II י"ה, און די עצם אַנטשטייונג פונעם נייעם גלויבן האָט געקענט געשען נאָר נאָך דער גע־וואַלדיקער אויפטרייסלונג פון די יאָרן 66—70. אַן ערך אין די צייטן פונעם בר־כוכבא־אויפשטאַנד האָבן די יידיש־קריסטלעכע קהילות אינגאַנצן זיך אָפּגעריסן פונעם יידישן פאָלק.

צו דער נייער לאַגע האָט זיך צוגעפּאַסט די פּרושים־פּאַר־טיי. נאָך דער ערשטער פאַרשכורונג ביים אָנהייב פונעם אויפ־שטאַנד, האָבן די פּרושים־פירער איינגעזען, אז די מרידה איז פאַרמשפּט אויף א מפּלה און האָבן גענומען זוכן וועגן צו ראַטעווען דעם יידישן גייסטיקן צענטער. א תלמודישע לע־גענדע דערציילט, אז דער גרעסטער פּרושישער געזעץ־לערער פון יענער צייט, רבי יוחנן בן זכאי, האָט זיך אַרויסגעגנבעט פונעם באַלאַגערטן ירושלים צו וועספּאַסיאַנוסן (פאַקטיש איז דעמלט בראש פונעם רוימישן חייל געשטאַנען טיטוס) און

האָט אים געמאָלדן, אז פאָליטיש האָבן די יידן דעם קאַמף פארשפילט און איצט גייט נאָר וועגן דער רעטונג פון דער גייסטיקער יידישער ירושה; דעריבער בעט ער אַ דערלויבעניש צו עפענען א בית־המדרש (רעליגיעזע אַקאַדעמיע) אין דער שטאָט יבנה (אינעם אַמאָליקן געביט פון די פלשתים). די דאָזיקע לעגענדע גיט ריכטיק איבער די איינשטעלונג פון די פרושים. זיי האָבן זיך אָפּגעזאָגט פון די טרוימען וועגן א יידישער מלוכה, האָבן בלית ברירה שלום געמאַכט מיט דער מאַכט פון רוים און זיך קאָנצענטרירט אויסשליסלעך אויף איינצוהאַלטן דעם יידישן גייסטיקן תמצית. פון פאָליטישן שטאַנדפונקט איז נישטאָ קיין וועזנטלעכער אונטערשייד צווישן רבי יוחנן בן זכאי און זיין בן־דור, אויך אַן אָנגעזעענעם פרוש—יוספוס פלאַוויוס. ארום דעם בית־המדרש אין יבנה האָבן זיך פארזאַמלט די וויכטיקסטע געלערנטע און געזעץ־קענער און האָבן געשאַפן א קאָלעגיע, וואָס האָט זיך אָנגערופן מיטן אַלטן רומפולן נאָמען סנהדרין. פאַקטיש האָט זי נישט לויטן באַשטאַנד, נישט לויט די קאָמפּעטענצן געהאַט צו טאָן מיטן פריערדיקן סנהדרין אין ירושלים. מיט דער צייט איז דער פאָסטן פון פאָרזיצער פון דעם יבנה־סנהדרין פארבליבן בירושה ביי דער משפחה, וואָס האָט געשטאַמט פון הלל, און ס׳איז באַשאַפן געוואָרן א ווערסיע, אז שוין אינעם ירושלימער סנהדרין זיינען די נשיאים געווען פון די בני־הלל. די דאָזיקע פיקציע האָט געדאַרפט באווייזן די המשכדיקייט פון די צוויי אינסטיטוציעס. די גרויסע קאָדיפיקאַטאָרישע אַרבעט, וואָס עס האָט דורכגעפירט דער סנהדרין אין יבנה, געהערט שוין צו דער תלמודישער תקופה פון דער יידישער געשיכטע און וועט באַהאַנדלט ווערן אויפן געהעריקן אָרט. דאָ וועט זיין גענוג צו דערמאָנען, אַז פון יע־

נער צייט אָן האָט די פּרושים־ריכטונג באַקומען א פּאָליטישע־דיקע העגעמאָניע אינעם גאַנצן יידנטום, זיך צונויפגעגאָסן מיטן גאַנצן יידישן ציבור און אויפגעהערט צו עקזיסטירן ווי א באַזונדערע פּאַרטיי.

דער גרויסער אויפשטאַנד אין די גלות-לענדער

במשך פון עטלעכע צענדליק יאָר זיינען קיינע שום וויכטיקע געשעענישן נישט פאָרגעקומען אינעם יידישן לעבן. אין יאָר 115 איז מיטאַמאָל אויסגעבראָכן א גראַנדיעזער יידישער אויפשטאַנד אין די מזרחדיקע גלות־לענדער, וואָס האָט באַוויזן, אז דער קנאַישער גייסט איז נישט פאַרשוואונדן צוזאַמען מיט די קעמפער פון די יאָרן 66 — 73. דער רוימי־שער קיסר טראַיאַנוס האָט קאָנצענטרירט אויף דער מזרח־גרענעץ פון דער אימפּעריע א גרויסע אַרמיי און האָט אָנגע־הויבן א מעכטיקע אָפענסיווע קעגן דער פּאַרטישער מלוכה. די רוימישע חיילות האָבן פאַרנומען צפון־מעסאָפּאָטאַמיע און האָבן מאַרשירט אויף בבל. דער איינציקער גרויסער יידי־שער קיבוץ, וואָס האָט זיך געפונען מחוץ דער האַרבער רוי־מישער ממשלה און האָט גענאָסן פון אַ ברייטער אויטאָנאָ־מיע אונטער דער מילדער מאַכט פון די פּאַרטן, האָט זיך גע־פונען אין אַ סכנה. און אָט זיינען די יידן פון די פאַרנומענע מעסאָפּאָטאַמישע געביטן אַרויס אין באַוואָפנטן אויפשטאַנד אין הינטערלאַנד פון דער אָנגרייפנדיקער אַרמיי פון טראַיאַנוס. די ידיעה האָט זיך בליצשנעל פאַרשפּרייט איבערן מזרח, די גרויסע יידישע קיבוצים אין מצרים, קירענאַיקע, און צי־פּערן האָבן געכאַפּט דאָס געווער צו פאַרטיידיקן זייערע ברי־

דער אין בבל. היות ווי דאָס רוב רוימישע לעגיאָנען אויף מזרח זיינען געווען פארנומען אויפן פּאַרטישן פראָנט, האָבן די מורדים צוערשט געהאַט דערפאָלג. די רוימער צוזאַמען מיט די גריכן האָבן מנצח געווען די יידישע מורדים אין אלכסנדריה און דורכגעפירט א מוראדיקע שחיטה פון דער יידישער באפעלקערונג, אָבער אין א סך געגנטן פון דער מצרישער פּראָווינץ האָבן די יידן געהאַט דעם איבערוואָג און זיך אומברחמנותדיק נוקם געווען אָן די אָרטיקע גריכן און רוימער. באַזונדערס גרויס איז געווען דער אויפשטאַנד אין דער שכנישער קירענאַיקע, וואָס זיין פירער ווערט אין אייניקע מקורים אָנגערופן אַנדרעאַס, אין אנדערע — לוקו־אַס. דער אויפשטאַנד, וואָס האָט אָנגעמאַכט גרויסע צעשטע־רונגען אין די פּראָווינצן, איז בלויז דערשטיקט געוואָרן ערשט אין 117. אויף ציפערן איז נישט איבערגעלאָזן גע־וואָרן קיין איין ייד און ס'איז אויך להבא פארווערט געוואָרן יידן, אונטער דער דראָונג פון טויטשטראָף, צו באַטרעטן דעם אינדזל. דער גרויסער און בליענדיקער יידישער קיבוץ פון מצרים איז צוזאמענגעבראָכן געוואָרן און האָט פארלאָרן אויף תמיד זיין פירנדיקע ראָל אין דער יידישער וועלט. אָבער צוליבן אויפשטאַנד איז טראַיאַנוס געווען געצוווּנגען אָפּצוטרעטן פון מעסאָפּאָטאַמיע. דער יידישער קיבוץ אין בבל איז געראַטעוועט געוואָרן און איז איצט געוואָרן דער וויכטיקסטער פון אַלע גלות־קיבוצים לויט דער צאָל יידן, לויט דער פּאָליטיש־רעכטלעכער לאַגע און אין א געוויסער צייט שפּעטער — אויך דער גייסטיקער צענטער פון דער יידישער קולטור.

דער אויפשטאַנד פון בר־כוכבא

אינעם גרויסן אויפשטאַנד פון מעסאָפּאָטאַמישע, מצרי־שע, קירענישע און ציפּרישע יידן האָט יהודה נישט גענומען קיין אָנטייל. אין תלמוד זיינען פאַרבליבן זכרונות וועגן רע־פּרעסיעס און יידישן מאַרטירערטום אין יהודה אונטער דעם רוימישן גרויסהערשער קיטוס (לוציוס קוויעטוס); ס'איז שווער צו זאָגן, צי דאָס זיינען געווען פּרעווענטיווע מיטלען, אָדער אן ענטפער אויף פאָלקס־אומרוען. דער נייער קייסער, האַדריאַנוס, האָט זיך באַמיט נישט אויפצוברענגען די יידי־שע באַפעלקערונג און אָפּצוהיטן שלום אויפן מזרח. אָבער זיין פּראָיעקט צוריקאויפצושטעלן ירושלים האָט געהאַט פונקט א פאַרקערטע פעולה. די היסטאָרישע הויפּטשטאָט פון יהודה האָט געזאָלט פאַרוואַנדלט ווערן אין אַ רוימישער קאָלאָניע מיטן נאָמען עליא קאַפּיטאָלינאַ און מיט א רוימישן טעמפּל פון יופּיטער אויפן אָרט פונעם פאַרברענטן בית־המקדש. דאָס איז געווען צופיל פאַרן רעליגיעזן און נאַציאָ־נאַלן באַוווסטזיין פונעם יידישן פאָלק. פאַר די זעכציק יאָר, וואָס זיינען אַריבער זינט דעם ערשטן גרויסן אויפשטאַנד איז דער יידישער קיבוץ פון יהודה געקומען צו זיך און די שרעקלע־כע זכרונות וועגן דעם חורבן פון יאָר 70 האָבן זיך באַוויזן אָפּ־צוטעמפּן. אין 132 איז אויסגעבראָכן דער צווייטער אויפ־שטאַנד פון יהודה קעגן רוים, וואָס האָט געדויערט דריי יאָר (ביז 135) און איז געווען נישט ווייניק דראַמאַטיש און העלדיש, ווי דער ערשטער; לײדער האָט זיך וועגן אים נישט אָפּגעהיט אַזאַ פּרעכטיקער באַריכט פון אַן עדות־ראיה, ווי פלאַוויוס יוספוסעס „יידישע מלחמה“. מען ווייס זייער ווייניק וועגן דעם פירער פונעם אויפשטאַנד, וואָס האָט צום

לעצטן מאָל אויפגעבלאָזן די פונקען פון קנאַישער גבורה פון אונטער דער אַש פון צוויי־דורותדיקער פּאַסיוויקייט. זיין אמתער נאָמען, ווי עס באַווייזן בריוו פון אים און צו אים, וואָס זיינען מיט עטלעכע יאָר צוריק געפינען געוואָרן אין אַ הייל לעבן ים־המלח, איז געווען שמעון בר־כוסבא. דאָס פאָלק האָט איבערגעמאַכט זיין נאָמען אין בר־כוכבא „דער שטערן־זון", און אונטער דעם נאָמען פיגורירט ער אין קריסטלעכע מקורים. אין תלמוד איז דאָקעגן זיין נאָמען איבערגעמאַכט געוואָרן אויף אַן אַנדער אופן — אין בר־כזיבא „דער ליגן־זון". אַ טייל פון דער גייסטיקער אָנפירערשאַפט פון די פּאַלעסטינער יידן האָט זיך סקעפּטיש באַצויגן צום אויפשטאַנד און צו זיין פירער, אָבער אַ טייל — בתוכם דער גרעסטער פון די דאַמאָלסטיקע געלערנטע מנהיגים, רבי עקיבא בן־יוסף — האָט זיך מיט באַגייסטערונג אָנגעשלאָסן אָן אים. ר' עקיבא האָט עס, לויט דער מסורה, געגעבן שמעונען דעם בכבודיקן צונאָמען בר־כוכבא און אים פּראָקלאַמירט פאַר משיחן. אַזוי אַרום איז אָט די לעצטע באַוואָפנטע מרידה פאַר נאַציאָנאַלער באַפרייונג געווען גלייכצייטיק די ערשטע משיחישע באַוועגונג ביי יידן.

דער אויפשטאַנד האָט גלייך אָנגענומען אַ גרויסן שוווּנג. נישט נאָר יידן, נאָר אויך שומרונים און אפילו אייניקע געצנדינער זיינען צו אים צוגעשטאַנען. די פּאַרטיזאַנישע אָפּטיילונגען פון בר־כוכבא האָבן עטלעכע מאָל צעקלאַפּט די לעגיאָנען פונעם רוימישן גרויסהערשער טיניוס רופוס און די פאַרשטאַרקונגען, וואָס זיינען געקומען פון סיריע בראש מיט מאַרצעלוסן. יהודה איז געוואָרן פריי פון די רוימישע חיילות, צוויי לעגיאָנען זיינען פולשטענדיק אויסגעהרגעט געוואָרן און זייערע געמען זיינען אויסגעמעקט געוואָרן אין די רוימישע

מיליטערישע רשימות. די אויפשטענדלער האָבן איבערגע־
מינצט רוימישע דינאַרן אויף אייגענע מטבעות מיט די אויפ־
שריפטן: „שמעון נשיא ישראל", שנת א' (אָדער ב') לחרות
ירושלים", „אלעזר הכהן". ווער איז געווען אָט דער אלעזר,
וואָס האָט פארנומען אזא וויכטיקן אָרט לעבן בר־כוכבאן,
איז נישט אויפגעקלערט. דער קיסר האַדריאַנוס האָט געמוזט
שיקן קיין יהודה זיין בעסטן קריגספירער יוליוס סעווערוס,
וואָס האָט נאָך א סיסטעמאַטישער אויסראָטונג פון די יידי־
שע פאַרטיזאַנישע אָפּטיילונגען סוף־כל־סוף אָקופּירט דאָס
לאַנד און גענומען די לעצטע פעסטונג פון די אויפשטענד־
לער — ביתר (בית־תר), נישט ווייט פון ירושלים. בר־
כוכבא איז אומגעקומען בעת די קאַמפן אין ביתר. יהודה איז
מוראדיק פארוויסט געוואָרן; לויטן רוימישן היסטאָריקער
דיאָ קאַסיוס זיינען חרוב געוואָרן 55 פעסטונגען און 985
ישובים. די צאָל יידישע געהרגעטע, וואָס ער ברענגט —
586.000 — איז נאַטירלעך איבערגעטריבן, אָבער זי איז גע־
ווען זייער גרויס. דער יידישער ישוב אין אייגנטלעכן יהודה
איז אזוי גוט ווי פארטיליקט געוואָרן; נאָר אין גליל האָט זיך
אָפּגעהיט א גרעסערע יידישע באַפעלקערונג. יהודה, ווו די
יידן האָבן שוין אויפגעהערט צו זיין די מערהייט, האָט פאר־
לאָרן אפילו זיין נאָמען: האַדריאַנס האָט משנה שם געווען
דאָס לאַנד אויף סיריא פאַלעסטינאַ. יידן איז פארווערט גע־
וואָרן אפילו ארייצוגיין אין דער נייער שטאָט עליאַ קאַפּי־
טאָלינא (אויפן אָרט פון ירושלים). דער ברית־מילה איז
פארווערט געוואָרן אויף דער טעריטאָריע פון דער גאַנצער
אימפעריע. צום ערשטן מאָל זינט אַנטיוכוס עפּיפאַנעס האָבן
יידן ווידער איבערגעלעבט רעליגיעזע רדיפות. א סך זיינען
אומגעקומען על קידוש השם, און צווישן זיי רבי עקיבא בן־

יוסף, וואָס איז אויף אַן אוממענטשלעכן אופן אומגעבראכט געוואָרן דורך די רוימער. דריי יאָר האָבן געדויערט די רדי־פות, און ערשט נאָך האדריאַנוסעס טויט, אין 138, זיינען זיי אָפּגעשאַפן געוואָרן דורך זיין נאָכפאָלגער אַנטאָנינוס פּיוס — ווייזט אויס, אונטערן איינדרוק פון אַ נייעם פאַר־צווייפלטן ארויסטריט פון די רעשטלעך פאַלעסטינער יידן.

אזוי איז אין פלאַמען פון דריי מעכטיקע מרידות 66—73, 115—117 און 132—135, וואָס האָבן נישט געהאַט קיין גלייכע צו זיך ביי אלע אנדערע פעלקער פון דער רוי־מישער אימפעריע, פארענדיקט געוואָרן די אַלטע געשיכטע פון יידישן פאָלק און ס'האָט זיך אָנגעהויבן דער לאַנגער יידישער מיטלאַלטער.

כראָנאָלאָגישע טאבעלע

יאָרן פאר נייער ערע		
XVIII	י"ה	ערשטע ידיעות וועגן האבירו (עברים) אין מעסאָפּאָטאמיע.
1750	±	די שבטים־קאָנפעדעראציע בני־ימינא.
1730	±	כנעניש (היקסאָסישע) אינוואזיע קיין מצרים.
1710	±	מפּלה פון די בני־ימינא אין מעסאָפּאָטאמיע.
XVII	י"ה	כנעניש (היקסאָסישע) ממשלה אין מצרים.
1580		פארטרייבונג פון די היקסאָסן פון מצרים. מצרישע ממשלה אין כנען.
XV	י"ה	פּאַלעסטינע און סיריע אונטער דער ממשלה פון מצרים. האבירו אין צפון־סיריע.
1375	±	עברים באַרפעסטיקן זיך אין די הרי־אפרים. עברישע אינוואזיע אין גאנץ סיריע.
1300	±	צוריקדעראָבערונג פון פּאַלעסטינע דורך מצרים. קאמפן מיט די עברים.
1224		ישראל צום ערשטן מאָל דערמאָנט אין דעם אויפשריפט פון פּרעה מענעפּתאח.
1200	±	גרויסע וואנדערונג פון די ים־פעלקער, בתוכם די פּלשתים.
1180	±	פּלשתים פארנעמען דעם ברעג פון פּאַלעסטינע.
1180	±	נצחון פון די ישראל־שבטים איבער די כנענים („שירת־דבורה").
1150	±	גדעון און צוריקוואַרפונג פון מדינים־אָנפאַלן. מלכות אין מנשה.
1120	±	אבימלכס מלכות אין שכם.
1050	±	נצחונות פון פּלשתים איבער ישראל. פּלשתישע אויבערהערשאפט.
1020	±	שאול מלך פון ישראל. באפרייונג פון פּלשתישן יאָך.

כראָנאָלאָגישע טאַבעלע

יאָרן פאַר נייער ערע	
1011 ±	מפלה פון ישראל ביי הרי גלבע. שאולס טויט.
1011 ± 1004	אישבעל מלך ישראל. דוד מלך יהודה.
1004 — 972	דוד מלך פון גאנץ ישראל.
971 — 932	שלמה.
960	פארענדיקט די בויונג פון בית־המקדש.
932	שלמהס טויט, שפאלטונג פון זיין מלוכה אויף ישראל און יהודה.

יהודה		ישראל	
915 — 931	רחבעם	910 — 931	ירבעם I
926	פרעה שישק נעמט ירושלים		
912 — 914	אביה	909 — 910	נדב
		886 — 909	בעשה
871 — 911	אסא	885 — 886	אלה
		885	זימרי
		874 — 885	עמרי
849 — 870	יהושפט	853 — 874	אחאב
		853	ישראל נעמט אָנטייל אין דער שלאַכט ביי קאַרקאַר קעגן אשור
		852 — 853	אחזיהו
842 — 848	יהורם	841 — 852	יהורם
841	אחזיהו	814 — 841	יהוא. ישראל ווערט א וואַסאַל פון אַשור
835 — 841	עתליה	798 — 814	יהואחז
796 — 835	יהואש	782 — 797	יהואש
767 — 79[illegible]	אמציהו	753 — 781	ירבעם II

יהודה		ישראל	
766 — 739	עזריהו	753 — 752	זכריה. שלום
		752 — 742	מנחם
739 — 735	יותם	741 — 740	פקחיהו
735 — 716	אחז	739 — 732	פקח
734	יהודה ווערט א וואסאל פון אשור	732	צפון־ און מזרח־טייל פון ישראל פארנומען דורך אשור. ערשטער גירוש.
		731 — 722	הושע
		721	דאָס פאַלן פון שומרון. צווייטער גירוש
715 — 686	חזקיהו		
701	באלאגערונג פון ירושלים דורך סנחריב		
686 — 640	מנשה		
639 — 638	אמון		

	יהודה		גלות
637 — 608	**יאשיהו**	660 ±	יידישע קאָלאָניעס אין מצרים
621	רעפאָרם פון יאשיהו		
608	יאשיהו פאַלט ביי מגידו. יהודה אונטער דער אויבערהערשאַפט פון מצרים		
608	**יהואחז**		
607 — 597	**יהויקים**		
601	יהודה אונטער דער אויבערהערשאַפט פון בבל		
597	**יהויכין**. ערשטער גירוש קיין בבל	597	ערשטע יידישע ישובים אין בבל
596 — 586	**צדקיהו**		
587	אויפשטאַנד קעגן בבל		
586	חורבן ירושלים	586	נייע יידן ווערן באַזעצט אין בבל
585	גדליהו גובערנאַטאָר פון יהודה	585	נייע איינוואַנדערונג פון יידן קיין מצרים
		561	יהויכין ווערט באַפרייט פון תפיסה

	יהודה		גלות
538	ערשטע גרופּע צוריקוואַנדערער פון בבל קיין יהודה. ששבצר. זרובבל	538	כּורש נעמט איין בבל. דערלויבעניש צוריקצושטעלן דעם בית־המקדש
537	אָנהייב פון בוי־אַרבעט פונעם בית־המקדש.		
515	1 אַפּריל — פאַרענדיקונג פון בית־שני		
נאָך 515	טעאָקראַטישע אָליגאַרכיע אין יהודה	ארום 460	פאַרענדיקונג פון דער תורת־כּוהנים אין בבל
457	עזרא קומט קיין יהודה פון בבל	457	אַ נייע איבערוואַנדערער־גרופּע פון בבל קיין יהודה מיט עזרא'ן בראש
445	נחמיה געשיקט פאַרן גובערנאַטאָר פון יהודה		
444	אָפיציעלע אַריינפירונג פון דער תורה אין יהודה		
		410	צעשטערונג פונעם יידישן טעמפּל אין עלעפאַנטינע (מצרים)

	יהודה		גלות
350	אויפשטאנד אין סיריע קעגן פערסיע.		
	אפקלאנגען אין יהודה.	332	פארלייגט אלכסנדריה.
332	יהודה פארנומען דורך אלכסנדר מוקדון.		יידן צווישן אירע ערשטע תושבים.
320	יהודה גייט אריבער צו מצרים	ארום 270	אנהייב פון דער איבער-זעצונג פון תנך אויף גריכיש.
ארום 230	כוהן-הגדול חוניו III קעגן מצרים. קאמף פון בני-חוניו און בני-טוביה		
217 — 219	יהודה אונטער סירישער אקופאציע		
	כוהן-גדול שמעון II		
198	יהודה גייט אריבער צו סיריע.		
174	יאסאן ווערט כהן-גדול.		
171	מענעלאאס ווערט כוהן-גדול.		

יהודה		גלות	
168	אנטיאָכוס IV פאַרווערט די יידישע רעליגיע		
167	אָנהייב פונעם חשמונאים אויפשטאַנד		
	יהודה המכבי		
165	חנוכת הבית		
162	אַלקימאָס נאָמינירט כּו־הן־גדול		
160	יהודה המכבי פאַלט אין שלאַכט	160	אויפגעבויט דער בית־המקדש (בית־הוניו) אין לעאָנטאָפּאָלים
143 — 160	**יונתן**		
152	יונתן ווערט כּוהן־גדול		
143	געפאַנגענגעשאַפט און טויט פון יונתן	145	יידישער אָנטייל אינעם בירגערקריג אין מצרים
135 — 142	**שמעון**		
142	סיריע אָנערקענט יהודהס אומאָפּהענגיקייט		
104 — 135	**יוחנן הורקנוס**		

	יהודה		גלות
134 — 129	באַגייונג פון יהודהס וואַסאַליטעט צו סיריע	129	בבל גייט אריבער צו די פּאַרטן.
104	יהודה אריסטובול		
103 — 76	אלעקסנדר ינאי	100	חלקיה און חנניה בראש פון דער מצרישער אַרמיי אין פּאַלעסטינע
76 — 67	שלומית אלכסנדרה		
67 — 63	אריסטובול II		
63	רוימישע אינטערווענץ. יהודה אַ וואַסאַל פון רוים	ארום 60	גרינדונג פון אַ ידישער קהילה אין דער שטאָט רוים
63 — 40	הורקנוס II		
40 — 37	אַנטיגנוס		
37 — 4	הורדוס	30	מצרים ווערט אַ רוימישע פּראָווינץ
	צעטיילונג פון יהודה:		
4 פנ"ע — 6 נ"ע	ארכעלאַאָס		
4 פנ"ע — 34 נ"ע	פיליפּאָס		

יהודה		גלות	
4 פנ"ע — 39 נ"ע	**הורדוס אנטיפאס**	נ"ע 25 — 40	יידישע רעפּובליק אין נהרדעא
4 פנ"ע — 41 נ"ע	יהודה און שומרון א רוימישע פּראָווינץ	38	אנטי־יידישער פּאָגראָם אין אלכסנדריה
41 — 44	**אגריפּאס I**		
44 — 66	גאַנץ יהודה רוימישע פּראָווינץ		
66	אויסברוך פונעם גרויסן אויפשטאַנד קעגן רוים	66	בלוטיקע אָנפאַלן אויף יידן אין סיריע און אלכסנדריה
67	רוימער דעראָבערן גליל		
68 — 69	בירגערקריג אין ירושלים		
70	חורבן ירושלים		
73	פאַלן פון מצדה	73	קנאים־אומרוען אין אלכסנדריה. פאַרמאַכונג פון בית־חוניו דורך רוימער
נאָך 70	ר' יוחנן בן זכאי אין יבנה		
ארום 100	נשיא גמליאל II		

יהודה		גלות	
135 — 132	אויפשטאַנד פון בר־כוכבא	117 — 115	אויפשטאַנד פון יידן פון מעסאָפּאָטאַמיע, מצרים, קירענאַיקע און ציפּערן
138 — 135	האַדריאַנוס רדיפות אויף דער יידישער רעליגיע		